YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i02

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 2
January 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 2)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/164

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב כ"ז, ו'.)
אין מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפּלאזען.

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי־
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
א י י ע ר ע ן !

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארטענט װארקערס יוניאן

Vol. IV. No. 2. New York, Friday, Jan. 13, 1922. פרייטאג, דעם 13טען יאנואר, 1922 PRICE 3 CENTS

פּערמאנענט אינדזשאנקשאן געגען די „פּראטעקטיװ"

אינדזשאנקשאן קעגען דער יוניאן דערוייל א טויט געבארען קינד. — די „באמבע" וואס די אמעריקען אסס'ן ווארפט אין יוניאן־לאגער פלאצט ניט. — א היסטארישער מיטינג פון די גענעראל סטרייק קאמיטע. — די מערקווירדיגע רעדעס פון אונ־טערמייער און שלעזינגער. — ביידע קריגען שטורמ'דיגע אוואציעס. — אמעריקען אינדזשאנקשאן הורערט אויף אלע סטרייקער. — נייעס פון איבער'ן גאנצען פראנט. — דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר געסעטעלט!

מיר האבען ניט ליב דעם אויסנעשריי „הורא", אבער קיין אנדער ווארט קאן ניט און וועט ניט אויסדריקען דאס, וואס מיר פיהלען איצט.

הורא פאר אונזער גרויסען זיג! הורא פאר אונזער יוניאן! הורא פאר אונזער גרויסער פיהרערשאפט מיט פרעזידענט שלעזינגער אן דער שפּיץ! הורא פאר אונזערע גרויסע, געטרייע, איבערגעבענע לאיערס, סאמועל אונטערמייער און מאררים הילקוויט! הורא פאר די גרויסע עפענטליכע מיינונג, וועלכע האט זיך געלאזט פיהלען מיט איהר גאנצער מאכט אין די קאורטס! הורא פאר ריכטער וואגנער פאר זיין גרויסע ענטשיידונג!

די גרויסע בשורה פון זיג איז אנגעקומען צו אונז צו שפּעט, אז מיר זאלען איהר קענען באהאנדלען, לויט איהר גרויסער באדייטונג אין דעם נומער „גערעכ־טיגקייט". דאס וועלען די לעזער געפינען אין נעקסטען נומער. דערוויל אבער מוזען זיך די לעזער באנוגענען מיט בלויז אייניגע זעצע פון דעם פּערמאנענט אינ־דזשאנקשאן, וואס דזשאדזש וואגנער האט ארויסגעגעבען, און וואס דער גרויסער אונטערמייער האט מיטוואך גאנץ פריה געבראכט פערזענליך אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל.

נאך דעם, ווי דער גרויסער היסטארישער דאקומענט גיט איבער די געשיכטע פון דעם קאנטראקט פון 1919 פאר די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט און דער 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך, און נאך דעם, ווי עס ווערט דערצעהלט אין איינצעלהיי־טען, ווי די מאנופעקטשורערס האבען געהאנדעלט בנוגע צו זייערע ארבייטער, צו דער יוניאן און צו דעם קאנטראקט, וועלכען זיי האבען מיט איהר געשלאסען, גיט ארויס דזשאדזש וואגנער זיין פסק, ווי פאלגט:

„עס ווערט באוויליגט דער פארשלאג, וועלכער פארווערט די אנגעקלאגטע מא־נופעקטשורער אדער זייערע אגענטען, אדער זייערע דינער, אדער זייערע לאיערס, און יעדען איינציגען בעאמטען, פון צו פאראייניגען זיך און קאנספּירירען אויף איר־גענד וועלכען אופן צו באפעהלען, צו דירעקטירען, אויטאריזירען, צו ראטען אדער צו ערמוטיגען די מעמבערס פון דער „קלאוק, סוט ענד סקירט מאנופעקטשורערס פּראטעקטיוו אסאסיאיישאן", אויפצוהערען אויסצופיהרען אדער צו פארנעוואלטיגען די אגרימענטס פון מאי, 1919, און פון דעם דריטען יוני, 1921, וועלכע זיינען גע־שלאסען געווארען צווישען די קלאוק, סוט, סקירט מאנופעקטשורערס פּראטעקטיוו אסאסיאיישאן און דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן און דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק.

„עס איז פארבאטען די אנגעקלאגטע מסכים צו זיין אדער צו אונטערשטיצען אירגענד וועלכע האנדלונג וואס וועט העלפען אזא קאנספּיראציע; עס איז פארבאָ־טען צו ראטען, צו העלפען, צו ערמוטיגען אירגענד וועמען פון דער „פּראטעקטיוו" צו ברעכען אדער ניט צו פאלגען אירגענד א פאראגראף פון די אגרימענטס, צו פאר־לענגערען די שטונדען פון ארבייט איבער 44, אדער איינצופיהרען שטיק־ארבייט.

„עס איז פארווערט צו שטיצען אירגענד וועלכע מעמבערס פון דער „פּראטעק־טיוו" אין אירגענד וועלכען פארזוך אפּצוברעכען דעם עקזיסטירענדען קאנטראקט, וואס אנבאלאנגט דער סיסטעם פון וואך־ארבייט אדער פארגרעסערען די ארבייטס־שטונדען דורך געלד, דורך ביישטרענע אדער דורך אירגענד וועלכען אופן.

„עס איז פארבאטען אויסצושליסען פון מעמבערשיפּ פון דער „פּראטעקטיוו", באשטראפען אדער דיסציפּלינירען אזעלכע מעמבערס פון דער „פּראטעקטיוו", וועל־כע זאלען קומען צו אן איינפארשטענדניס מיט דער „אינטערנעשאנאל לײדיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן" אדער מיט דער דזשאינט באארד, אויסצוגעהמען די אר־בייט לויט די צוויי אגרימענטס פון 1919 און 1921.

„עס איז פארווערט די מעמבערס פון דער „פּראטעקטיוו" אנצופאנגען ארבייט־טען אין זייערע פעקטאריס אויף אנדערע באדינגונגען, ווי די, וועלכע זיינען אנגע־נומען געווארען אין די אגרימענטס.

„עס איז זיי פארווערט צו העלפען דער פארשווערונג דורך רעדען, דורך שרייבען, אדער דורך אירגענד אנאנדער מעטאדע, און פון נעמען אירגענד וועלכע שריטע צו ברענגען אין קראפט די רעזאלוציע, וואס די פּראטעקטיוו האט אנגענומען דעם 25־טען אקטאבער, 1921."

אין פּשוט'ע ווערטער: די מאנופעקטשורערס פון דער „פּראטעקטיוו" טארען ניט ארבייטען אין זייערע שעפער אונטער קיינע אנדערע באדינגונגען, ווי נאר אונ־טער די פון די ביידע אגרימענטס, וועלכע זיי האבען געבראכען. דער קאורט ער־קלערט אויסדריקליך, אז די מאנופעקטשורערס פון דער פּראטעקטיוו האבען, ברעכ־ענדיג דיזע אגרימענטס, געמאכט א קאנספּיראציע. די שטעלונג, אלזא, פון אונזער אינטערנעשאנאל ווערט אנערקענט, אלס גערעכט דורך דעם סופרים קאורט פון ניו יארק סטייט. דער זיג, דער מאראלישער זיג פון די סטרייקער איז אנצוויי־פעל־האפט. וואס אנדערש קען פאלגען נאכדעם, אויב ניט דער אמת'ער זיג, די צוריק־איינפיהרונג פון אגרימענט פון 1919 מיט אלע זיינע באדינגונגען?

„אמעריקען" אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן

אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג האבען מיר שוין אנגעוויזען ווי די „אמעריקען אסס'ן" איז געווארען א שפּילצייג אין די הענט פון די „יוניאן פייטער" פון דער פּראטעקטיוו אסס'ן; ווי די „אמעריקען אסס'ן" האט זיך בע־לאזט אנציהען פון יענע לייט און האט זיך אוועקגעלאזען שארען פון פייער די הייסע קוילען פאר יענע לייט.

אבער עס איז געשעהן! די אמע־ריקאן אסס'ן האט זיך אוועקגעלאזען אין קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן קע־גען דער יוניאן, אויפצוהעלפען די פּרא־טעקטיוו ווייטער אנצופיהרען דעם קאמף געגען דער יוניאן, ניט וועלענדיג אנער־קענען דעם אלטען אגרימענט.

און געשעהן איז עס אויף א מאר־נעם גאנץ מיסטעריעזען אופן. שבת שפּעט פארנאכט האבען די לאיערס פון די באסעס דערטאפּט א סופרים קאורט ריכטער, וואס איז פאר א ווייל געקו־מען אהער פון באפאלא, א געוויסער אלאנזא הינקליי; זיי האבען איהם אונטערגערוקט א פּאק פּאפּירען מיט אפידייווידס, אריבער 200 זייטען גע־דרוקטען מאטעריאל און אזוי ווי איבער־צולייענען אזא פּאק פּאפּירען דארף נע־מען א היבשע ווײלע, האט דער ריכטער דערוויילע דעם אינדזשאנקשאן אונטער־געשריבען.

איז ביי די פּראטעקטיוו געווארען ששון ושמחה! א קלייניגקייט, וואס פאר א „באמבע" די אמעריקען האט דא פאר איהר אריינגעווארפען אין דעם שונא'ס לאגער... אָט די שמחה פון די מאנופעקטשורערס איז אזוי גרויס גע־ווען, אז זיי האבען אוש פארגעסען דעם אינדזשאנקשאן צו „סורווען די יוניאן". קודם כל, האבען זיי דעם אינדזשאנק־שאן אריינגעגעבען אין דער פּרעס, מיי־נענדיג אפנים, אז די פּרעס וועט זיך איצט אודאי שטעלען אויף זייער זייט. האט דאך א ריכטער זיי ארויסגעגעבען א „אינדזשאנקשאן", טא זיינען זיי דאך מסתמא גערעכט...

לאזט זיך נאר אויס פונקט קאפּויר. אז עס נעהמט נישט, איז כאטש צוריס זיך! לאזט זיך נאר אויס, אז די גאנ־צע פּרעס פארדאמט דעם אינדזשאנק־שאן קעגען דער יוניאן, און איבער־הויפּט ווערט פארדאמט די ארט און ווייזע, ווי אזוי דער אינדזשאנקשאן איז ארויסגענומען געווארען. עס ווערט געמאכט אויפמערקזאם, ווי קאנספּירא־טיוו דאס איז געטאן געווארען, אויף אזא געהיימניספולען אופן, און אלע פרעגען, ווארום דער ריכטער האט ניט אויסגעהערט דעם צווייטען צד, איי־דער ער האט דעם דאקומענט אונטער־געשריבען. כמעט אין אלע גרויסע ענג־לישע צייטונגען זיינען ערשינען שטאר־קע עדיטאריעלס קעגען דעם אינדזשאנק־שאן און... די מאנופעקטשורערס האבען זיך פאר דעם אינדזשאנקשאן אליין דערשראקען. ווייל מאנטאג גאנץ פריה איז געקומען אין קאורט א לאיער פון דער „אמעריקאן" און געזאגט דעם דזשאדזש, אז ער דארף דעם אינ־דזשאנקשאן אביסעל „איבערפיקסען"...

גלייך נאכדעם איז אין קאורט גע־קומען אויך סאמועל אונטערמייער, דער לאיער פאר דער יוניאן. ער איז געקר־מען פרעגען דעם ריכטער, ווי אזוי ער שרייבט אונטער אזא שרעקליכען דאקר־מענט איידער ער האט אפילו אויסגע־הערט וואס די יוניאן האט צו זאגען.

לאיער סטויער'ס צוויי פּנים'דיגקייט

מאקס ד. סטויער, דער לאיער פון די מאנופעקטשורערס, שפּילט א צוויי־פּנים'דיגע ראלע. די גאנצע צייט וואס ער איז אין דער סיטואציע, גלייך ביז זיין אריינקומען אין דער סיטואציע האט ער דערקלערט, אז ער קומט אריין, נאר אלס מלאך השלום. אבער וואס האט ער די גאנצע צייט געטאן עס זאל ווערען שלום? דערווייל איז זיין שלום באשטאנען נאר אין דעם, וואס ער האט געמאכט אזעלכע פּראפּאזישאנס וואס די יוניאן קאן בשום אופן ניט אננעמען. דערפאר אבער, פארגעסט ער קיין מאל ניט צו פארזיכערען די רעפּארטערס פון די צייטונגען, אז ער איז אן „ארבייטער פריינד".

סטויער'ס צוויי פּנים'דיגקייט האט זיך אויך ארויסגעוויזען איצטער, ביי דעם אינדזשאנקשאן פון דער אמעריקאן

(שלוס אויף זייט 4).

אינהאלטס־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 2.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. פּרעזידענט גאמפּערס באקומט א גרויסע אוואציע.
זייט 2. ענינים פון אונזער אינטערנעשא־נאל אין דער פּרעסע—א סטעף רעפּאר־טער. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 60 — מ. שעכטער.
זייט 4און 5. אינטערנעשאנאל נייעס פון גרויסען קלאוקמאכער סטרייק.
זייט 6. אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דע־פּארטמענט.
זייט 7. און 8 קליין שטעטעל — מרים קארפּילאוו. עקזעקוטיוו באארד באריכט פון לאקאל 25 — טשארלס דזשייקאב־סאן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. פּאָרד'ס גליקען — ל. באראדולין.
זייט 10. סטרייק רעדעס — טעמעל און חיונא —ג. ב. לינדער. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. שלעדליי פון שיקאגא — ה. סקול־מאן. די פאראייניגונג פון די צוויי שריפטשטעלער (פעליעטאן) — ז. וואהלער. קורצע שמועסען.
זייט 12. שמועסען און פראגע־און־ענטפערס.
זייט 13, 14, 15 און 16 — אינהאלט פאר־צייכניס פון די „גערעכטיגקייט" פאר דעם יאהר 1921.

וויכטיגער שאפּ־טשערמאן מיטינג פון די ווייסט און דרעס שעפּער

דאנערשטאג אוונט, דעם 19טען יאנואר, וועט זיין א זעהר וויכטיגער שאפּ־טשערמאן מיטינג, פון די טשערליים און טשערלײדיס פון די ווייסט און דרעס שעפּער.

א חוץ די דזשאינט באארד בעאמטע וועט דער מיטינג אדרעסירט ווערען פון פּרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער באראף. דער מיטינג וועט זיין אין בעטהאווען האל. עס וועלען אויפגענומען ווערען זעהר וויכטיגע פראגען.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,

מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר געהט אן

פיר גרייטע פירמען האבען שוין געסעטעלט

[illegible]

לאס אנדושעלעס קלאוקמאכער צוריק ביי דער ארבייט אויפן אלטען אגרימענט

אויך די קלאוקמאכער פון לאס אנ־דושעלעס זיינען ארויס אין סטרייק מיט איינינע וואכען צוריק.

אין א טעלעגראמע האט פרעזידענט שלעזינגער פון געראטען, אז אויב ווי אי־נען קומען מיט די באלעבאטים צו א פארשטענדניס, וועלען זיי דערווייל געהן צוריק צו דער ארבייט אויפ'ן אלטען אג־רימענט, ביז דער סטרייק אין ניו יארק וועט זיין פאריבער.

דער פארשלאג פון פרעזידענט שלע־זינגער איז אנגענומען געווארען פון ביי־דע צדדים און די סטרייקער פון די אסא־סיאיישאן שעפער זיינען צוריק ביי דער ארבייט, אונטער דעם אלטען אגרימענט.

אין סטרייק זיינען דארט פארבליבען א פאר שעפער, וואס זיינען פריהער גע־ווען ניט קיין יוניאן שעפער, און די קלאוקמאכער וואס זיינען ביי דער ארבייט האבען באשלאסען זיך צו טיילען מיט 10 פראצענט פון זייערע פאר־דינסטען אויף אונטערהאלטען דעם סטרייק אין יענע שעפער.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

שפארזאמקייט איז דער פונדאמענט פון ערפאלג

אבוואל 1921 איז ניט געווען א יאהר פון גלענצענדע ביזנעס, דאך האט

דיא סטייט באנק

געהאלטען אין איין וואקסען, און איהרע רעסארסעס האבען דערגרייכט די ריזיגע סומע פון אריבער

$90,000,000.00

און האט ערווארבען פילע טויזענדע נייע דעפאזיטארס. דאס איבער־צייגט פאלשטענדיג, אז די סטייט באנק האט אימער גע־דינט די בעסטע אינטערעסען פון איהרע קאסטאמער.

פאנגט אן דאס נייע יאהר 1922 מיט א „טהריפט אקאונט" — פאנגט אן שפארען געלט.

אלע געלדער וואס איהר וועט דעפאזיטען אם אדער בעפאר דעם 10טען יאנואר וועלען ציהען אינטערעסט פון 1טען יאנואר.

אויסלענדישער דעפארטמענט

מיר זיינען אין שטאנד צו דינען דעם פובליקום אין אויסלאנד אזוי גוט ווי דא אין דער היים.

מיר האבען דירעקטע קארעספאנדענטען איבער דער גאנצער וועלט און אונזערע אייגענע אפיסעס אין פוילען.

דאס גיט די געלעגענהייט צו אונזערע קאסטאמערס צו שיקען געלט דורך אונז צו זייערע קרובים און באקאנטע אין פוילען, גאליציען, רו־מעניען, לאטוויא, ליטואניא, אונגארן, עסטרייך און אלע אנדערע טיי־לען פון דער וועלט, אין יונייטעד סטייטס דאלארס אדער אין אויסלענ־דישע געלדער צו די בעסטע רעיטס.

THE STATE BANK

376-378 GRAND STREET
NEW YORK

BRANCHES:

100 Essex Street,
1400 Fifth Avenue,
Pitkin & Stone Aves., Brooklyn

Graham Av. & Varet St., Brooklyn
158th St. & Westchester Av., Bronx
Fifth Avenue & 30th Street

מאסקווער „עמעס" הייבט אן צו דרוקען אדווערטייזמענטס פון אמעריקע.

פון'ם 1טען יאנואר, 1922, הייבט אן די אדמיניסטראציע פון'ם מאסקווער „עמעס" צו דרוקען אדווערטייזמענטס, ביזנעסעס פון אמעריקע. דער „עמעס" איז די גרעסטע אידישע צייטונג אין רוס־לאנד. זי ווערט עפענטליך אויסגעקלעפט אין די גאסען און הויפט פלעצער פון כמעט אלע שטעדט און שטעדטלאך פון סאוועט רוסלאנד, אזוי, אז אדווערטייז־מענטס, געדרוקט אין מאסקווער „עמעס" האבען א שאנס צו ווערען געלייענט פון א גרויסען טייל פון דער אידישער באפעל־קערונג אין סאוועט־רוסלאנד. א באזונ־דערע וויכטיגקייט האבען אדווערטייז־מענטס פון אמעריקאנער פערזאנען, וועל־כע זוכען זייערע פריינד און קרובים, וועלכע ווילען איבערשיקען גרוסען, מעל־דונגען וועגען פערזענליכע רייזע און אנדערע דאקומענטען, וועגען פערזענליכע שפייז און קליידער־פעקלאך א. א. וו.

דער פרייז פאר יעדער קליינער מעל־דונג ביז 4 שורות טעקסט איז 2 דאלער.

עס ווערען אויך אנגענומען געשעפטס אדווערטייזמענטס, ווי צום ביישפיל: אד־ווערטייזמענטס פון פארשידענע שיפס־קאמפאניעס וועגען פארבינדונגען מיט רוסלאנד א. א. וו. דער פרייז פאר אזא סארט אדווערטייזמענטס איז לויט דעם פלאץ, לויט'ן חשבון: 1 שורה נאנפאריעל (7 ווערטער) 50 סענט. דער פרייז וואס איז דא אנגעגעבען, איז בערך דער זעלבער פרייז, וועלכער איז איצט איינגעשטעלט געווארען אין רוסלאנד פאר אנאנסען, 50 טויזענט רובעל א שורה נאנפאריעל.

די אדווערטייזמענטס ווערען אויפגע־נומען אין דער ביורא פון „[illegible]", 110 וועסט 40טע סטריט, רום 1104, ניו יארק סיטי.

פנינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א ספעק רעפארטער.

עס וועט געווים קומען אמאל אזא צייט, ווען די דרעסמאכער און די ווייסט מאכער, און בכלל אלע ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, וועלען זיין פונקט אזוי גוט ארגאניזירט, ווי עס זיינען די קלאוקמאכער. אמת, ביי קלאוקס זיינען די מעהרסטע ארבייטער מענער, ווערענד אין די אנדערע צווייגען פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, זיינען די מעהרסטע ארבייטער פרויען. אבער צו קאנען דען ניט די פרויען זיין פונקט אזעלכע גוטע יוניאן-לייט ווי די מענער? דאס וואלט דאך ווירקליך נערערט קענען די אינטעליגענץ פון דער ארבייטער-פרוי אין אמעריקא. דערווייל אבער איז עס א פאקט, דאס די צווייגען פון אונזער אינדוסטריע, ביי וועלכע פרויען-ארבייטער זיינען אין דער גרויסער מאיאריטעט, זיינען א סך שוואכער ארגאניזירט ווי יענע צווייגען אין וועלכע דער מאנזבילישער עלעמענט האט די ממשלה, האט די אויבער האנט.

אין אפגעסטען ווייזט זיך דאס ארויס, ווען מען מאכט א פארגלייך צווישען די וואס זיינען צווישען זיך אם נאהענטסטען פארוואנדט, — די קלאוק מאכער און די ווייסט און דרעס מאכער.

ביי די קלאוק מאכער, למשל, איז די פראגע „פון בעסער ארגאניזירען זיך" שוין לאנג ארונטער פון דעם טאג ארדענונג. אין די קלאוק מאכער יוניאנס זיינען געווים דא נאך א סך פראגען צו לעזען, אבער אט די ספעציעלע פראגע איז שוין מעהר דארט ניטא. כמעט יעדער באריסטענדער קלאוק-צענטער איז פאלשטענדיג ארגאניזירט. די עלעמענטארע פראגע, „ווי ארגאניזירט מען בעסער דעם טרייד", עקזיסטירט מעהר אין יענע מקומות.

אבער ביי די דרעס מאכער און ווייסט מאכער, איז עס נאך אלץ די הויפט פראגע פון טאג. דאס איז אמת אין באצוג אלע דרעס און ווייסט מארקעטס איבער'ן לאנד. אין אלע יוניאנס פון די ווייסט און דרעס מאכער הערט מען כסדר, אז מען פיהרט דארט און אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין. און איהר ווייסט דאך, אזוי מען פיהרט אן ארגאניזאציאנס-קאמפיינס, איז מסתמה דארטען נאך דא וועמען צו ארגאניזירען.

עס איז געווים א פארדרוס, ווארום די ווייסט און דרעס מאכער זיינען ניטש, שוין ביי דער איצטיגער צייט, פונקט אזוי גוט ארגאניזירט, ווי עס זיינען די קלאוק מאכער. אבער פארצווייפלען דאריבער דארף מען ניטש. עס וועט געווים קומען די צייט ווען די ווייסט און דרעס מאכער, ווי עס איז געקומען די צייט פאר די קלאוק מאכער! זיינען דאך אמאל די קלאוקמאכער אויך געווען כסדר פארנומען מיט „ארגאניזאציאנס-קאמפיינס", ביז ווי זיינען פון דעם פטור געווארען. זיי האבען זיך אויסגעבויט מעכטיגע, באשטענדיגע יוניאנס און פארשפארען אנצופיהרען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג ארגאניזאציאנס-קאמפיינס.

דאס אבער וועט זיין אמאל... דערווייל איז עס נאך אנדערש. דערווייל רעדט מען ביי אלע דרעס מאכער, און ביי אלע ווייסט מאכער, פון „נייע ארגאניזאציאנס-קאמפיינס" און מיר ווינשען זיי גליק אין דער ארבייט.

אין א קאנטרי אויסגאבע פון „די צייט", געפינען מיר אן ארטיקעל פון סאל פויזנער, אונטער'ן קעפעל: „די ארגאניזאציאנס טעטיגקייט פון די שיקאגא'ער דרעסמאכער", פון וועלכען מיר נעמען ארויס די פאלגענדע אויסצוגען:

„אין די רייהען פון די שיקאגא'ער דרעסמאכער האט זיך איצט אנגעפאנגען צו פיהלען א נייע לעבען, וואס איז דארט אריינגעבראכט געווארען דורכ'ן אינטענסיווען ארגאניזאציאנס קאמפיין וועלכען די דרעסמאכער יוניאן לאקאל הונדערט, האט אונטערגענומען פאר דער ארגאניזירונג פון די ניט ארגאניזירטע ארבייטער אין דיזער אינדוסטריע.

דער גרויסער זיג פון די קלאוקמאכער, וועלכע האבען נאך פיער וואכען סטרייקען געצוואונגען די איינגעשפארטע שיקאגא'ער קלאוקס מאנופעקטשורערס צוריקצוציהען זייערע פאדערונגען, צוריק איינצופיהרען די שטיק ארבייט סיסטעם, צו פארלענגערען די ארבייטס שטונדען און פארקלענערען די ווייזשעס, מיט דעם זיג האט דער גייסט צווישען די דרעס ארבייטער נאך מעהר אויפגעלעבט, האט אריינגעבראכט אין זייערע רייהען פרישען מוט, ענערגיע, באגייסטערונג און גלויבען אין די איינענע כחות.

די באשטענדיגע ארגאניזאציאנס-קאמפיינס אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע. — דר. סירקין באוואונדערט דעם קלאוקמאכער סטרייק פון א ציוניסטישען שטאנדפונקט. — מאקע, ווער פרעגט וואס איז שולדיג אין דעם?

די ארבייטער פון דער דרעס אינדוסטריע, וועלכע זיינען אממעהרסטען אינטעליגענטע קלאסען-באוואוסטע אידישע ארבייטער, פון וועלכע מאנכע זיינען געצוואונגען צוליב דער אומוויסענהייט פון אנדערע צו ארבייטען אין ניט קיין אמת'ע יוניאן שעפער, האבען גענומען ארבייטען מיט אלע זייערע כחות צו ארגאניזירען דיזע ארבייטער, אריינברענגען זיי אין די יוניאן רייהען און דערמיט העלפען ניט נאר זיך אליין, נאר מאקע אויך דיזע ניט ארגאניזירטע."

„. . . די איצטיגע לאגע אין דער אינדוסטריע איז דערצו א גינסטיגע פאר'ן ארגאניזאציאנס קאמפיין.

דעם 16טען דעצעמבער איז געענדיגט געווארען דער אגרימענט פון דער יוניאן מיט די דרעס מאנופעקטשורערס. נאך א קאנפערענץ צווישען בענדזשאמין שלעזינגער, אינטערנעשאנאל פרעזידענט פון די ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין שיקאגא און די אינטערעסען פון די קלאוקמאכער, און דזשוליוס גינסבורג, ארגאנייזער פון דער שיקאגא'ער דרעס ווארקערס יוניאן צוזאמען מיט פארטרעטער פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, זיינען די פארהאנדלונגען וועגען באנייען דעם אגרימענט אפגעלייגט געווארען אויף א מאנאט צייט, מיט א בארינגונג, אז די מאנופעקטשורערס זאלען דערווייל ניט מאכען קיינע לאק-אוטס און די יוניאן זאל ניט ארויסרופען קיינע סטרייקס.

אין גיכען נאך דעם האבען די מאנופעקטשורערס אונאפיציעל געלאזט וויסען דער יוניאן, אז זיי זיינען עטשלאסען צו פארקלענערען די ווייזשעס און כדי ניט צו פארלירען קיין אומזיסטע צייט ביז די פארהאנדלונגען וועגען אגרימענט, וועלען זיי דאס דערווייל שוין איינפיהרען.

די יוניאן בעאמטע האבען דארויף געענטפערט מיט אן אלארם. זיי האבען באלד אינפארמירט די ארבייטער וועגען דער ערנסטער געפאהר, וואס שטעהט זיי פאר. זיי האבען ארגאניזירט א רייהע מאסמיטינגען, האבען פארורופען ספעציעלע שאפ און טשערמאן מיטינגען, וואו זיי האבען פארפעסטיגט זייער פאזיציע, און זיך אויסגעשטעלט אויף דער וואך, צו געבען דעם שונא דעם שטארקסטען ווידערשטאנד, ווען ער וועט נאר מאכען דעם ערשטען פארזוך דורכצופיהרען אן אטאקע. די מאנופעקטשורערס, דערפיהלענדיג דעם סענטימענט פון די ארבייטער, האבען זייער באשלוס צוריקגעצויגען."

* * *

דער באוואוסטער ציוניסטישער שרייבער, דר. נ. סירקין, האט ניט לאנג צוריק אויסגעדריקט אין „די צייט" אן אריגינעלע באוואונדערונג וועגען דעם קלאוקמאכער סטרייק, וואס איז כדאי דא איבערצוגעבען.

ער שרייבט:

„אט נעהט אן א גרויסער אידישער ארבייטער-סטרייק אין אמעריקא, מיט א גוואלדיגער מסירת-נפש, מיט באגייסטערונג, טריקים, און פערוויליגקייט ווערט דער סטרייק געפיהרט. אידישע סקעבס זיינען ניטא. אויב די אידישע באסעס באריהמען זיך, אז דער סטרייק איז נאך ניט קיין אלגעמיינער, שפאלטירען זיי וואהרשיינליך מיט זייערע טריפע גוים און ניט מיט די חוצפה'דיגע אידען. דער פסוק: „כי כעמך ישראל" נעהט ניט דורא נאר אויף א שוהל און א הכנסת כלה חברה, נאר אויך אויף אן ארבייטער-סטרייק. און אט דיזע אידישע מאסען-סטרייקס, וועלכע באווייזען אזוי שיין די אידישע גייסטיגע קראפט, באווייזען אויף די אידישע מאכט-אויסקייט. אויב די יוניאן איז אן אידענע, הייסט אוס וויפיל מעהר מעהר האט געדארפט זיין אן אידישע פאר דעם אידישען ארבייטער א סאציאליסטישע ארץ ישראל. אויב עס איז פאראן אזוי פיל ענטוזיאזם און ווילען פאר א סטרייק צוליב א פאר דאלאר א וואך, טא וואו איז די באגייסטערונג פאר דאס העכסטע, דאס שעהנסטע, דאס שטארקסטע אין אידישען לעבען? ווען די אידישע קלאוקמאכער [illegible]

[illegible]

אלזא, [illegible] אין דער אידישער [illegible] אזוי [illegible] ארץ ישראל [illegible] נעהט ער ניט [illegible] ווי דר. סירקין וואלט עס וועלען?

אויף די פראגען קען מען געבען בלויז איין ענטפער: ענטוזיאזם עס איז שולדיג אין דעם דער ציוניסטישער אידעאל, ווייל ער איז נישט בכח צו באגייסטערען דעם אידישען פראלעטאריאט. די אידישע מאסען, ווי וואלטען וועלען נישט סטרייקען פאר ארץ ישראל. דערפאר עס זיינען שולדיג אין דעם די אינטעליגענטען פאר'ן ציוניזם. דאס רוב שרייבען ווי און רעדען טערקיש, און אונזער פראלעטאריאט קען ווי נישט פארשטעהן [illegible]

ווייטער, ווער ווייס? אפשר איז פאראן הערבי', נאך עפעס אן אורזאכע. אפשר האט עס עפעס אויך צו טאן מיט דעם עקאנאמישען מאטעריאליזם, מיט דער בויך-פראגע, פון וועלכער דר. סירקין האלט אפשר גאנץ ווייניג. אט אזוי איז שוין דער פאלקסמענש. ער וועט ליבערשט געהן סטרייקען מיט זיין באלעבאס פאר א דאלאר מעהר און פאר א שטונדע ארבייט ווייניגער, איידער ער געהן סטרייקען מיט'ן טערק, ביי איהם אפצונעהמען ארץ ישראל. זאל דר. סירקין וועגען דעם נאך א מאל א טראכט טאן.

צוויי מיטינגען פון עקז. באארד, לאקאל 60

א רעגולער מיטינג פון דער עקז. באארד ווערט אפגעהאלטען דינסטאג אווענט, דעם 6טען דעצעמבער, 1921. בר. הירש אלס טשערמאן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוט געהייסען.

עס ווערט פארגענומען נאמינייש'ן פאר טשערמאן און בר. פיארער ווערט נאמינירט און ערוועהלט אלס טשערמאן.

דער באריכט פון דזשאינט באארד פון נאוו. דעם 30טען ווערט פארגעלעזען און נאכדעם ווי ער ווערט דיסקוטירט ווערט ער גוטגעהייסען.

דער מענעדזשער, ברודער שעכטער, גיט אפ א מאנאטליכען באריכט פון דער ארבייט וואס עס איז געטאן געווארען אין אונזער אפיס, אויך וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דעם לאקאל. נאכדעם ווי עס ווערען געמאכט עטליכע אנפראגען, אויף וועלכע עס ענטפערט דער מענעדזשער, ווערט דער באריכט איינשטימיג גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א באריכט פון דער יוניטי הויז קאמיטע מיט דער רעקאמענדאציאנען ווי אזוי די ביזנעס זאלען געפיהרט ווערען פאר דעם נעקסטען סיזאן. עס ווערט איינשטימיג גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון דער פינאנס קאמיטע אין וועלכער זי לאזט וויסען דער עקז. באארד אז זי האט אונטערזוכט אלע אויסגאבען און געפונען אלעס אין בעסטען ארדנונג.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

* * *

א מיטינג פון עקז. באארד איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 10טען דעצעמבער, ברודער פיארער טשערמאן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען. עס ווערט פארגעלעזען דער דזשאינט באארד באריכט פון דעצ. 7טען, וועלכער ווערט דיסקוטירט און גוטגעהייסען. עס ווערט באשלאסען צו שיקען א צושריפט צום דזשאינט באארד, דאס די איינפיהרונג פון א קאלעקטיוו אידישען-סי דורך דעם דזשאי. באארד זאל אפגעלייגט ווערען פאר 6 מאנאטען. דער צושטאנד אין טרייד איצטער איז אזעלכער, דאס די איינפיהרונג פון דעם רעפארמענט וועלט געשעדיגט די אינטערעסען פון די לאקאלס.

די גריוואנס באארד באריכטעט, דאס זיי האבען אויפגענומען די קלאגע פון בר. פיארער געגען וואסילעווסקי'ן און באשלאסען צו רעקאמענדירען צו דער עקז. באארד, אז א ספעציעלע קאמיטע זאל ערוועהלט ווערען אויסצונעהמען דיזע קלאגע. די עקז. באארד הייסט גוט דיזע רעקאמענדיישאן און עס ווערט ערוועהלט א קאמיטע פון די פאלגענדע מעמבערס: בר. לעווין, באכמאן, גאלדשטיין, פרעס און בר. מ. שעכטער.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון בר. ליוויי אין וועלכען ער בעט דאס די עקז. באארד זאל אננעמען זיין רעזיגניישאן אלס מעמבער פון עקז. באארד, ווייל עס איז אונמעגליך פאר איהם צו אטענדען די מיטינגען. זיין רעזיגניישאן ווערט אנגענומען. עס ווערט געמאכט נאמינייישאנס פאר צוויי ארגאניזיישאן-קאמיטע מעמבערס און די ברידער גאלדשטיין און רייף ווערען ערוועהלט.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מ. שעכטער, רעק. סעק.

קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר געסעטעלט!

דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר איז שוין כמעט אין גאנצען געסעטעלט. ווי אונזער ערשטער וויס פרעזידענט מאריס זיגמאן, וואס האט דארטען געפיהרט דעם סטרייק, גיט אונז איבער, זיינען נאך דארט געבליבען א פאר אומבאדייטענדע שאפס וואס האבען נאך ניט געסעטעלט. ווייטער האבען אלע פירמען געסעטעלט מיט דער יוניאן און די ארבייטער זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט.

אלזא, דערווייל געהט אלעס אויסגעצייכענט. יעדע וואך א סעטעלמענט אין אן אנדער שטאדט. איין וואך אין פילאדעלפיא, א צווייטע וואך אין שיקאגא, איצטער אין באלטימאר. וועלכע שטאדט איז נעקסט? וועט עס זיין ניו יארק?

ניט קענען שלאפען

קומט פיעל מאל פון א שלעכטען מאגען.

עקס-לאקס!

דער משאקאלאד אבפיהר מיטעל

וועט רעגולירען אייער מאגען און וועט אייך געבען א זאנפטען שלאף ביינאכט.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

די וואָך

פון משה ה. [illegible]

די אייראָפּעאישע עקאָנאָמישע קאָנפערענץ.

[illegible]

דער ריף צו דער קאָנפערענץ אונטער־
שרייבט א צאָהל [illegible] ערקלע־
רונגען. עס ווערט דאָרט, צום ערשטען
[illegible]
שטעלן, פאַרוואָרפען די געוועהנליכע
הנחה פון די „ווינער" צו דיקטירען די
[illegible] פון די באַזיגטע אָדער
די דערשלאָגענע פעלקער פון אייראָ־
פּאַ. עס ווערט האַרט אויך, איינמאָל פאַר
אַלעמאָל, פעסטגעשטעלט דער פּרינציפּ,
דאָס פּאַראַליזירטע עקאָנאָמישע לע־
בען פון אייראָפּא קען ווידער אויפגעהוי־
בען ווערען בלויז דורך א געמיינשאַפט־
ליכער אַנשטרענגונג פון אַלע פעלקער.
איבערהויפּט איז דעם שפּראַך פון
דער ווירקליכקייט באַוויזען די דאָזיגע
און עהנליכע ערקלעהרונגען, אַז די זיגער
האָבען חרטה אויף די שרעקליכע זאַכען,
וואָס זיי זיינען באַגאַנגען זינט דעם [illegible]. ס׳איז אַזוי גוט ווי
אן ערקלעהרונג, אַז מע קען נישט איינמאָ־
נען די אומגעהויערע קאָנטריבוציעס וואָס
מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף די באַזיגטע
לענדער, ווייל דאָס וואָלט צושטערט דעם
גאַנצען פונדאַמענט פון אייראָפּעאישער
ווירטשאַפט.

דער ערלויבען מיר זיך צו זיין סקעפּ־
טיש אַפילו וועגען דער דאָזיגער קאָנפע־
רענץ. די „אַנטוואַפנונגס"־קאָנפערענץ אין
וואַשינגטאָן, וועלכע האָט זיך נאָך נישט
געשלאָסען, האָט זיך אויך אָנגעהויבען
מיט באַראַבאַנען און טרומייטען און אויס־
געטאָן האָט זי אַזוי גוט ווי גאָרנישט.
און ווער קען דאָס פאַרזיכערען, אַז די
קאָנפערענץ אין גענואַ, טראָץ אַלע ברי־
ליאַנטענע צוזאָגען, וועט אויסטאָן מעהר
ווי די וואַשינגטאָנער קאָנפערענץ? ווער
קען ערב זיין, אַז, טראָץ דעם אַנטייל נעה־
מען פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד, וועלען
די זעלביגע אייראָפּעאישע שטאַאַטס־לייט
נישט באַהערשען די קאָנפערענץ?

דער איז די קאָנפערענץ די וויכטיג־
סטע פּאַסירונג פון אונזער צייט. צי
איהר וועט זיך איינגעבען איינצושטעלען
אן עקאָנאָמישען גלייכגעוויכט אין אייראָ־
פּאַ, צי נישט — וועט זי דאָך אין א בא־
דייטענדער מאָס אויסהיילען אייראָפּא
פון דער משוגעת פון מלחמה־האַס און
נקמה, וואָס האָט אָנגעפילט יעדען ווינ־
קעל פון דער וועלט זינט 1914.

דער אירלענדישער פריי־שטאַאַט.

נאָך וואָכען פון היציגע דעבאַטען האָט
דער אירלאַנדישער פּאַרלאַמענט ענדליך
אָנגענומען דעם שלום אָפּמאַך, וואָס די
אירישע דעלעגאַטען האָבען געשלאָסען
מיט ענגלאַנד, און דער אירלענדישער
פריי־שטאַאַט איז איצט א פּאָזיטיווער
פאַקט.

ס׳איז קיין צווייפעל נישט, אַז די עק־
סטרעמע אומקאָמפּראָמיסליכע עלעמענ־
טען אין אירלאַנד און אין אַמעריקא וועלען
נאָך פאַר א לאַנגער צייט אָנהאַלטען
דעם נאַציאָנאַליסטישען טומעל און די
[illegible] אין אירלאַנד. זיי
זיינען א גאַנץ גרויסע מינאָריטעט און
זיי באַזיצען [illegible] דעם ווילען און אַז די
מעגליכקייט דאָס צו טאָן. וואָס אָנבאַ־
לאַנגט דער אירלענדישער אַרבייטער־באַ־
וועגונג, איז דאָס ווירקליך א פאַקט צו
באַגריסען. ס׳איז קיין צווייפעל נישט,
אַז די אַרבייטער־באַוועגונג אין אירלאַנד
האָט פיל געליטען אין די לעצטע דריי
יאָהר בעת ס׳איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף
פאַר אן אירלענדישער רעפּובליק אָדער
פריי־שטאַאַט. די ענערגיעס פון דעם
פאָלק, איינשליסענדיג דעם אַרבייטער־
קלאַס, זיינען געווען פאַרטאָן אין דעם
היישען און ביטערען קאַמף. די באַשאַ־
פונג פון אן אירלענדישען פריי־שטאַאַט
האָט א גרויסע ווערט פאַר די אירלענדי־
שע אַרבייטער, הויפּטזעכליך דערפאַר,
וואָס איצט וועלען זיי קענען קאָנצענט־
רירען זייערע ענערגיען אויף זייער איינע־
נעם קאַמף, אויף דער אַנטוויקלונג פון
זייער באַוועגונג און באַפעסטיגונג פון זיי־
ער איינפלוס אויף דעם אינדוסטריעלען,
עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון
לאַנד.

בעת די פירער פון פּראָוויזאָרישער
רעגירונג זיינען געווען אין אירלאַנד
אַלס א רעזולטאַט פון די רייבונגען צווי־
שען די צוויי הויפּט פּאַרטייען — די וואָס
זיינען פאַר דעם אָפּמאַך און די וואָס זיי־
נען [illegible] — מ׳האָבען [illegible] דער
[illegible] קריג [illegible] נאָך אָנהאַלטען א
לאַנגע צייט און [illegible] די בעס־
טע [illegible] פון אירלאַנד. וואָס שטעל־
[illegible]
[illegible] פון דער
[illegible] אַנטוויקלונג פון דעם אירלענדי־
שען אַרבייטער קלאַס.

לוסק ווידער אויבענאויף.

ווען די שטערן אין הימעל דרעהען
זיך אויס מיט זייער ריקען געגען עמי־
צען, מעג ער ערוואַרטען איין
צרה נאָך א צווייטע.

באַטראַכט דאָס נאָר: ערשט פאַר א
יאָהרען איז סענאַטאָר לוסק פון אַלבאַני,
מיט דער לוסק, וואָס האָט זיך אַזוי
באַריהמט געמאַכט אַלס דער גרויסער
אינקוויזיטאָר פון די ראַדיקאַלען, וואָס
האָט אַרויסגעוואָרפען סאָציאַליסטען פון
דער לעגיסלאַטור און געפּאַסט דראַ־
קאָנישע געזעצע געגען אַלערליי בונטאָוו־
שטשיקעס, — ערשט גערעכנט אין דער
ראָווינער לוסק געווען א נאַציאָנאַלער
העלד, א רעטער פון לאַנד, דער פאָרזי־
צענדער פון אַלבאַני׳ער סענאַט, קאַנדי־
דאַט פאַר גאווערנאָר און וואָס איהר ווילט
נאָך. דאַכט זיך, וואָס האָט איהם גע־
פעהלט? מיט וואָס נאָך האָבען איהם די
שטערן געקענט באַשענקען פאַר זיין
קרייצצוג געגען די פאַרשיידענע ראַדי־
קאַלען?

זיינען אָבער די שטערן אין הימעל
קאַפּריזנע באַשעפענישען און זיי האָבען
אויסגעדרעהט זייערע רוקענס צו זיי־
ער ליבלינג. צוערשט האָט זיך אָנגעהויבען
א מעשה מיט זילבערנע געפעס, וואָס די
ניו יאָרקער רעפּובליקאַנער האָבען לוסק׳ען
געגעבען אַלס מתנה פאַר דער טובה׳לע,
וואָס ער האָט זיי געטאָן אין לעגיסלאַ־
טור. ווי א רויך איז פאַרשוואונדען
דער רוהם פון קליינטשן לוסק, פון א העלד
איז ער געוואָרען — שיער נישט א גע־
וועהנליכער כאַבאַרניק. זיינע פריינד
האָבען זיך פון איהם אָפּגעקעהרט. לוסק
איז געוואָרען „א געוועזענער".

פּאָליטישענס האָבען א כלל, אַז מעהר
ווי א וואָך צייט געדענקט דער עולם קיין
זאַך נישט. לויט אָט דעם כלל האָט מען
לוסק׳ען געלאָזט בלייבען אין סענאַט, אַנ־
שטאָט איהם צו משפּט׳ען פאַר כאַבאַר.
מ׳האָט געהאָפט, אַז דאָס ווערטע פּובלי־
קום, ד. ה. דער עולם־גולם וועט פאַרגע־
סען און פאַרגעבען. דער שיקזאַל פון
לוסק׳ען באַוועגט זיך אָבער לויט א צווי־
טען באַוואוסטען כלל: אַז צרות קומען
נישט איינציגווייז נאָר אין סטאַדעס. פּטור
געוואָרען פון דעם זילבערנעם געפעס,
שטעהט איצט לוסק פנים אל פנים מיט
א פאָרשלאַג צו ערקלעהרען אויב ס׳איז
אמת, אַז מ׳האָט איהם אָנגעבאָטען 100
טויזענד דאָלאַר צו באַזייטיגען דעם צענ־
זור־געזעץ געגען די מאָוויס. און נישט די
סאָציאַליסטען פאָדערען דין וחשבון פון
לוסק׳ען, נאָר דער כשר׳ער לידער פון דער
דעמאָקראַטישער מינאָריטעט.

ס׳איז, ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער,
„האַרד לאַק". נאָך די אַלע פאַרדינסטען
פון לוסק׳ען, נאָך די אַלע גרויסע זאַכען
וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר זיין קאַנ־
טרי, ווי צום ביישפּיל, זיין „אונטערדרי־
קונג" פון דער ראַנד סקול, זיין „אויס־
ריינינגען" פון די פּאַבליק סקולס, א. אז.
וו. — נאָך דעם אַלעמען וואָלטען זיינע
קאָלעגען די געזעצמאַכער נישט באַדאַרפט
איהם בארעדען מיט אַזוינע קליינינקיי־
טען ווי זילבערנע געפעס אָדער מאָווי־
כאַבאַר. האָט זיך אויסגענומען דער פּאַט־
ריאָטיזם ביי אונזערע געזעצמאַכער?

דעבס און די רוסישע אַמנעסטיע.

אין פאַרשיידענע שטעדט אין אייראָפּא
טראָגען זיך אַרום קלאַנגען, אַז דעבס וועט
אין גיכען אַוועקפאָהרען קיין רוסלאַנד כדי
דאָרט צו אַרבייטען פאַר דער באַפרייאונג
פון די טויזענדער „פּאָליטישע", וואָס זיי־
נען אַריינגעזעצט געוואָרען אין די טור־
מעס דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך גע־
שטעלט געגען דעם קאָמוניסטישען רע־
זשים.

מיר ווייסען נישט וויפיל אמת עס
שטעקט אין די דאָזיגע קלאַנגען. ס׳איז
אָבער זיכער, אַז צעהנדליגער טויזענדע
סאָציאַליסטען — מענשעוויקעס, סינדיקאַ־
ליסטען, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען
און אַנאַרכיסטען אין דער גרויסער בוטיר־
קע־טורמע אין מאָסקווע זיינען אַרוים אין
א הונגער סטרייק פאַרענדיג באַפריי־

[illegible]

„אויסערגעוועהנליכע קאָמיסיע" [illegible] נאָר אַלע
די „פּריוויליגיעס" באַשייטען, אַז די

[illegible]

מיר וואָלטען געוואָלט, אַז מיר זאָלען ווייסען
[illegible] די רוסישע טורמעס זיינען [illegible] מיט
פּאָליטישע און דאָס איז א פלעק
אויף דעם [illegible] רעזשים, וואָס קען
[illegible] אויף אייביג
[illegible] צו די ליידען פון די פּאָלי־
טישע אַרעסטירטע.

אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען און ראַ־
דיקאַלען וואָס פאָדערען אַמנעסטיע פאַר
פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקא קע־
נען עס נישט טאָן מיט „ריינע הענט" סיי־
דען זיי וועלען צו דער זעלבער צייט פאָ־
דערען פון דער סאָוועטען רעגירונג צו באַ־
פרייען יעדען סאָציאַליסט אָדער אַנדערען
פּאָליטישען געפאַנגענעם פון די טורמעס אין
סאָוועטען רוסלאַנד.

פּרעזידענט גאָמפּערס באַקומט א גרויסע אוואַציע פון די סטרייקערס

לעצטער דאָנערשטאָג איז געווען ביי
די קלאָוק־סטרייקער א יום טוב. אין
טאָמאַשעפסקי׳ס נעשאַנאַל טעאַטער איז
אָפּגעהאַלטען געוואָרען א זעהר שעהנער
מיטינג, צוזאַמען מיט א פּראַכטפולער
פאַרשטעלונג, און דאָס האָט יענעם טאָג
געגעבען דעם סטרייק א יום טוב׳דיגען
אויסזעהן.

פּרעזידענט גאָמפּערס איז ספּעציעל
געקומען אין ניו יאָרק באַגריסען די
קלאָוקמאַכער און די קלאָוקמאַכער האָ־
בען איהם אויפגענומען מיט גרויס ענ־
טוזיאַזם.

צוערשט איז אין טעאַטער געשפּילט
געוואָרען צוויי אַקטען פון דער פּרעכ־
טיגער אָפּערעטע „ליאַווקע מאַלאַריעץ",
אין וועלכער „ליאַווקע" מיט זיין גאַנ־
צער טרופּע קעהרען ממש וועלטען. די
פאַרשטעלונג איז העכסט אַרטיסטיש גע־
שפּילט געוואָרען פון די אַלע אַקטיאָרען
און אַקטריסעס, וואָס האָבען זיך באַטיי־
ליגט. און פּרעזידענט גאָמפּערס האָט
גאַנץ פאַרטרעפליך זיי באַדאַנקט, גלייך
ביים אָנפאַנג פון זיין רעדע. און אויך
מיר דריקען דאָ אויס א דאַנק, אין נאָ־
מען פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָ־
מיטע, צו די אַלע אַקטיאָרען, אַקטריסעס,
כאָריסטען, די מוזיקער און די „סטיידזש
הענד", די אַשערס און „דאָרמען" אריינ־
גערעכענט, פאַר דעם באַטייליגען זיך אין
דער פאַרשטעלונג. ווארים זיי האָבען
דאָס אַלע געטאָן גאַנץ פרייווי־
ליג, נישט נעהמענדיג א סענט דער־
פאַר.

נאָך א באַזונדער דאַנק קומט ברודער
ר. גוסקין, דעם טשערמאַן פון די גע־
ווערקשאַפטען, פאַר׳ן אַראַנזשירען די
פאַרשטעלונג, און די הערען באָריס טאָ־
מאַשעפסקי, און זיין מענעדזשער, לואיס
גאָלדבערג, פאַר געבען פריי דעם
טעאַטער פאַר דער פאַרשטעלונג.

נאָכ׳ן צווייטען אַקט איז דער
סטיידזש פון טעאַטער איבערגעגעבען
געוואָרען צו פּרעזידענט גאָמפּערס.

אונזער וויצע פּרעזידענט דזש. הע־
לער, דער טשערמאַן פון די רעדנער און
ענטערטיינמענט קאָמיטע אין סטרייק,
האָט פאָרגעשטעלט דעם רעדנער. ברו־
דער העלער האָט אין קורצען איבערגע־
געבען, ווי גאָמפּערס אַלס פּרעזידענט פון
דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר
איז אימער געשטאַנען מיט די קלאָוק־
מאַכער נאָך איידער די קלאָוקמאַכער
האָבען באַוויזען צו שאַפען פאַר זיך אַזא
מעכטיגע יוניאָן, ווי זיי האָבען איצט.
ווען ברודער העלער האָט אויך דערמאָנט,
אַז גאָמפּערס איז געווען איינער פון די
וואָס האָט געאַרבייט אומערמידליך פאַר
די באַפרייאונג פון גענאָסע דעבס, האָט
אויסגעבראָכען א שטורם פון אַפּלאָדיס־
מענטען.

גאָמפּערס האָט געהאַלטען א שעהנע,
שטאַרקע רעדע.

„איהר, קלאָוקמאַכער, האָט אַלץ
[illegible] אייער אינדוסטריע, —
האָט גאָמפּערס אויסגערופען, — אַלץ
האָט איהר אויפגעגעבען, אויסער אייער־
רע רעכטע און אייער עהרע, און די אַמע־
ריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג איז
שטאָלץ מיט אייך!"

ער האָט דאַן געשילדערט דעם הפקר־
וועזען אין דער קלאָוק אינדוסטריע
בעפאָר דעם גרויסען קלאָוקמאַכער־
סטרייק אין 1910, און ער האָט אויסגע־
רופען, אַז יענער סטרייק איז געווען אַן
„אינדוסטריעלע רעוואָלוציע", וועלכע
האָט מיט א [illegible] אָפּ־
געווישט פון דער אינדוסטריע א סך
איבלען.

צום שלוס האָט ער מיט זיינע הענד
אויסגעשטרעקט אין דער הויך, אויסגע־
רופען מיט גרויס באַגייסטערונג:

„איך בין פאַלשטענדיג מיט אייך אין
דעם גרויסען קאַמף. איך אַלס פּרעזי־
דענט פון דער פעדערײשאַן, דער עקזע־
קוטיוו קאַונסיל, און די גאַנצע אַמעריקען
פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, זיינען גרייט
אייך צו דינען מיט וואָס נאָר מיר קענען.
מיר זיינען מיט אייך ביז צו אַן ענדליכען
זיג!"

גאָמפּערס׳ רעדע איז באַגלייט געוואָ־
רען פון פילע אַפּלאָדיסמענטען. ער
האָט באַקומען א גרויסע אוואַציע גלייך
ווי ער האָט זיך אין טעאַטער באַוויזען,
בעת ער האָט גערעדט און ווען ער האָט
דעם טעאַטער פאַרלאָזען. די קלאָוקמאַכער
האָבען דעם „גרענד אָלד מען" אויפגע־
נומען מיט א סך ליבע און אַכטונג.

דער מיטינג האָט אויך געזאָלט פּר־
עסידירט ווערען פון פּרעזידענט שלעזינ־
גער, אָבער צוליב געוויסע סטרייק־אַרביי־
טען האָט ער אין יענער צייט אין טעאַ־
טער נישט געקענט קומען.

יצחק אייזיק הורוויטש

האָט געעפנט א

לאָא אָפיס

אין 280 בראָדוויי

(קאָרנער פון טשעימבערס סטריט)

ISAAC A. HOURWICH

Attorney and Counselor at Law

280 Broadway

Room 431 Tel. Worth 1938

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union

Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.

A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. IV. No. 2. — New York, Friday, Jan. 13, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טלעס יוניאָן האָט פאר דעם מיטינג גע־
שאַפן א מערקווירדיגע שטימונג.

די באריכטען פון די טשער־לייט פון די קאָמיטעס.

פרעזידענט שלעזינגער עפענט דעם מיטינג און ערקלערט און האלט אויף די טשערלייט פון די פארשיידענע קאמיטעס צו רעפארטען, ווי עס האלט מיט דער ארבייט אין יעדע קאמיטע.

ברודער פאני מעזער ניט אז א פולען באריכט פון דער פינאנציעלער טעטיגקייט און פון עמפלאיען פון דער ארגאני־זיישאן קאמיטע, אין דער לעצטער צייט. ער באריכטעט וועגן דעם גאנץ פינקט־ליך, און מען קען זעהן אז די ארבייט אין זיין קאמיטע געהט ווי א סוטה.

ברודער פיינבערג באריכטעט פון דער סעטעלמענט קאמיטע. ער דערצעהלט פון עטליכע וואס זיין אין דער קאמיטע גע־ווארען באהאנדעלט. די קאמיטע ניט גענעהמיגט ניט מיט פאלגענדע פירמען, אבער נישט, חלילה, תרפה, ווייל ס'איז נישט געווען מיט רעכט צו סעטלען, נים תרפה, ווייל עס וויינען נים ארגאניזער־טען עמפלאיערשאפט פון מאנופעקטשורערס פאר סעטעלמענטס. דאס איז תרפה. וואס די קאמיטע איז גאנץ פערזיכטיג און די מיטגליד און ווערען איידער מען סעטעלט מיט א פירמע. סעטעלמענטס ווערען גע־מאכט נאך דעמאלס, ווען מען איז אי־בערצייגט, אז דיזע פירמען וועלען נישט שטעלען קיינע ארבייט פאר די פראטעק־טיוו היזוער.

ברודער לעפקאוויץ באריכטעט פאר דער יוניאן קאמיטע. ער ליינט די פיקעטס וואס די מעמבערס זייך אזוי רוהיג און געבען ניט קיין געלעגענהייט די פאליצי־ער צו ווייזען ארעסטען. ער ווייזט אן דאס גאנץ ווענינג סטרייקער וויינען ארעסט געווארען אין די 8 וואכען פון דעם גרוי־סען סטרייק. און ער זאגט, אז דאס איז די בעסטע רעקאמענדאציע פאר דער יוניאן, מיט וועלכער דער אינטערנע סטרייק ווערט געפיהרט.

ברודער קאפלאוויטש, דער טשערמאן פון דער פינאנץ קאמיטע, גיט אָפּ א גע־נויעם באריכט ווענען די אויסגאבען פון דעם סטרייק. ער רעדט מיט ציפערען און יעדער ווארט וויגט שווער. ער בא־ריכטעט, דאס אין די ערשטע 8 וואכען האט די יוניאן באצאלט סטרייק בענעפיט. אין אויסגעצאהלט געווארען צו די סטרייק־ער איבער פיר הונדערט טויזענד דא־לאר. ער באריכטעט אויך, דאס דער סטרייק־בענעפיט ווערט ווייטער געצאלט.

ברודער ברעסלאו באריכטעט פאר דער האל קאמיטע. ער גיט א סך הכל פון אלע סטרייקער, וואס געפינען זיך נאך אין די האלס. לויט זיין חשבון, וויינען נאך דא אין די האלס 28 טויזענד אכט הונדערט מיט עטליכע הונדערט סטרייקער, און ער ווייזט אן וויפיל פון זיי עס גע־פינען זיך אין יעדען האל באזונדער. ער האט אויך א קלארען געטעל, וואס ווייזט לויט די פאכעראַנער, דאס הייסט וויפיל עס וויינען דא אפערייטארס, וויפיל פיני־שערס, וויפיל קאטערס, וויפיל פרעסער, און אזוי ווייטער ביז אלע פאכען.

האט ער ווייטער גערעדט — קאַפּיטאַל א קיין פון דער ווייטער טוענטי פון סטרייקער, וואס פיהרט און אזא הויכע טוענע גע־ווען צו טיר, ... אידען שטילע ערייכט... האט ער אויסגערעכנט אז א וו... עס קלאר ביי פון... נאס אין ראווען... וואלט מיר ווייזען רעדעגין פאר ניישערע־וואס דאס שוין מעהר קיין מאל ניט צו־ריקקומען!

א רידער פון אפלארישמענטען האט באגלייט דיזע הערציגע הערשעה.

איבערגעהענדיג צו דעם גוזי־סער־לען אינדושיגישאן פון דער סטריקער אפס'ן גענען דער יוניאן, האט ער גע־זאגט מיט ענטשיסטונג און אויך מיט פיל סארקאזם.

„וואו איז דער אינדושאנקשאן?" — האט ער געפרעגט — „עס איז שוין וואכען ווי מיר וואכען זיך נאך דעם אינ־דושאנקשאן און מיר האבען איהם ניט געקענט טרעפען. עס איז טאקע א פיי־נע וואך מיט דעם אינדושאנקשאן. דער געגנער ער איז ארויסגעגעבען געווארען פאר די זייערנגען, ווייל זיי ווייסען נאך פון איהם גארנישט. אבער אויך ווי־פיל מיר ווייסען פון די זייערנגען, איז עס אזוי שפאסעוודיג דער אינדושאנקשן, וואס אין דעם שטאנד ווערט זיך קיינע געפינען א ריכטער צו געבען זיין אונטערשריפט אויף איהם, עס איז יערענפאלס א בא־ליידיגונג פאר'ן געזעץ, ווי אזוי דער פיי־טערזאָהר אינדושאנקשאן איז ארויסגע־געבען געווארען. אימיטער וועט הארטען פאר דעם געהאלטען ווערען פאראנט־ווארטליך".

עס איז דא אויך ווערט צו דערמאָ־נען אונטערמייער'ס אייגענע באמערק־ונג, וואס ער האט געמאכט פארביינע־הענדיג, ווענען זיין טעטיגקייט אין דער לעסקאווער קאמיטע.

„עס איז מיר לעצטענס אויסגעקומען צו אנטערזוכען די פיהרונגען פון מאנכע יוניאָנס אין בילדינג טרייד. אבער איך וואַג אייך — האט ער אויסגערופען — אויב עס געפינט זיך ערגעץ אין א יוניאן א שווינדלער וויינען דא געווען איהם הול־דערס שווינדלער אין די ארגאניזאציעס פון די באלעבאטים! די צרה איז נאר — וואגט ער — וואס אט די באלעבאטישע קרוקס קען מען ניט ברענגען צו פאראנט־ווארטליכקייט. עס וויינען נישט ניטא קיין רעשטערושטע מיט נענות מעט דיזע חברה צו פארשיקען אין פריזאן. קוים — וואגט ער — האט זיך געפונען עפעס א קאליפארניער ריכטער וואס האט שוין יע געהאט דעם מוט דאס צו טאן, האט ער געמאכט א טעות; ער האט געשיקט 64 פון די באלעבאטים פארשיקען אין פריזאן און פיר באפרייען, האט ער פאר־דרעהט די ציפער — פיר האט ער גע־שיקט אין פריזאן און די 64 האט ער בא־פרייט!"...

די לעצטע באמערקונג האט ארויס־גערופען גרויס געלעכטער.

א שטארקען איינדרוק האט אויך גע־מאכט, ווען אונטערמייער האט פון דער פלאטפארמע געלויבט די קלוגע פיהרער־שאפט און די פעהיגקייט פון פרעזידענט שלעזינגער. „שלעזינגער — האט צוגע־שען אנדערעס אונטערמייער געזאגט —

ספמועל אונטערמייער באקומט ווארימע אויפנאם

גלייך נאך ברעסלאו'ס רעפארט איז דער גאנג פון דעם מיטינג איבערגעריסען געווארען. די מיטגלידער פון דער סטרייק קאמיטע האבען גענאמען א וועהר אנגעשטעל־טע איבערראשונג. מר. סעמיועל אונ־טערמייער האט זיך באוויזען אין האל און עס האט אויסגעבראכען א שטורמישע אוואציע. דער עולם האט זיך אויפגע־שטעלט און ווארים אפלאדירט, ביז ער איז ארויף אויף דער פלאטפארם. דאן האט אויסגעבראכען א צווייטער שטורם פון אפלאדיסמענטען, וואס האט אנגע־האלטען עטליכע מינוט צייט. מר. אונ־טערמייער איז געווען העכסט געריהרט פון דער ווארימער אויפנאהמע וואס די סטרייקער האבען איהם געגעבען און ער האט געהאלטען אין איין פארזייגען זיך צום עולם.

פרעזידענט שלעזינגער האט דעם גאסט באלד ניט פארגעשטעלט. ער האט גע־וואלט געבען א געלעגענהייט מר. אונ־טערמייער א ביסעל זיך אפצורוהען און ער האט ווייטער פארטגעזעצט דעם מיטינג, פארשטעלענדיג ברודער שעהן, דעם טשערמאן פון דער רעליף קאמיטע, אפצוגעבען זיין באריכט.

ברודער שעהן האט גערעדט אין א ריינער קלארער שפראך און האט איבער־געגעבען אלע איינצעלהייטען פון די אר־בייטען פון דער רעליף קאמיטע. זיין רעפארט האט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק. אונטערמייער איז געזעסען און גאנץ אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט פון דעם רעפארט. ווען ברודער שעהן האט געענדיגט האט איהם דער עולם אפלאדירט, און מר. אונטער־מייער האט זיך אנגעשלאסען אין עולם און איך אפלאדירט מיט א שמייכעל פון צופרידענהייט אויף די ליפען.

שטעלענדיג אלס באריגג בלויז איין זאך, ער זאל עס טאן אין גאנצען פריי, מען זאל איהם פאר זיין ארבייט קיין געלט נים געבען.

פון אונטערמייער'ס רעדע.

ווען אונטערמייער האט זיך אויפגע־שטעלט רעדען האט ער ווידער באקומען א גרויסע אוואציע. עס איז געווען צום ערשטען מאל, וואס די קלאוקמאכער האָ־בען געזעהן פנים אל פנים דעם גרויסען לאַיער וואס קעמפט פאר זיי אזוי בראוו אין די קאורטס אין דעם איצטיגען סטרייק און זיי האבען איהם אויסגעדריקט גרויס אנערקענונג פאר זיין ארבייט.

און דער גרויסער לאַיער האט געהאל־טען א העכסט אינטערעסאנטע רעדע.

„איהר דארפט מיר ניט אזוי לויבען, — האט ער אנגעפאנגען — ווארום וואס איך נעהם ניט ביי אייך קיין געלד אלס לאַיער. איך נעהם נים ווייל איך דארף ניט. איך האב שוין גענוג געלד. ווען איך זאל דארפען אויך א לעבען צו מא־כען, וואלט איך געוויס גענומען ביי אייך פאר מיין ארבייט, אבער אויך דעמאלט וואלט איך ארבייטען פאר אייך פונקט אזוי געטריי, ווייל איך גלויב אז א י ה ר זייט ג ע ר ע כ ט. איך העלף אייך פיהרען דעם קאמף, ווייל איך גלויב, אז איהר פיהרט א גערעכטען קאמף".

„עס פרעהט מיך צו זעהן פאר זיך —

שען אנדערעס אונטערמייער געזאגט — איז ניט קיין לייער, אבער עס וויינען צו ווייניגע לאַיערס וואס האבען ווייניג פון היגערען אלס א געגאנשיישאן", איהם האט איך איהם א פיהרער, וואס ארבייט מיט גרויס פעהיגקייט פאר דער יוניאן און ער טוט עס מיט ליב און לעבען.

שלעזינגער האלט א מייסטער־האפטע רעדע.

אונטערמייער'ס רעדע און אין ווירקונג, דער מיטינג איז דאן מער געווען געווארען, די טשערלייט פון די אנדערע קאמיטעס האבען אפגעגעבען זייערע רעפארטען און דאן האט פרעזי־דענט שלעזינגער גענעבען אן איבערזיכט איבער דער גאנצער לאגע פון דעם סטרייק. די רעדע איז געווען העכסט גע־לונגען און אלע הינוויכטען, עס איז גע־ווען דורך און דורך א מייסטערהאפטע רעדע.

ער האט קלאר געמאכט די גאנצע סטרייק־לאגע, ווי אזוי דער סטרייק ווערט געפיהרט און וואו עס האלט אין דעם מא־מענט, און דער גרויסער ערפאלג, וואס מען האט איהם געגעבען, האט קלאר באוויזען, אז די גענעראל סטרייק קאמיטע איז מיט דער פיהרערשאפט פון דעם סטרייק פאלשטענדיג צופרידען.

די פראטעקטיוו קלאפט אין די טירען פון וואשינגטאן — דער יוניאן'ס ענטפער צו סעק־רעטערי דייוויס.

רעדענדיג האט פרעזידענט שלעזינגער אויך ערקלעהרט, דאס די באלעבא־טים פון דער פראטעקטיוו האבען ווידער גענומען קלאפען אין די טירען פון די מיניסטעריען אין וואשינגטאן, מען זאל זיך אריינמישען און מאכען א סעטעל־מענט.

סעקרעטערי דייוויס האט מאנטאג ביימאג אנגערופען שלעזינגער'ן אויפ'ן טעלעפאן, האט איהם דערצעהלט פון דיס־פוט אין דער פריה וועלען זיין אין וואשינגטאן א קאמיטע פון די פראטעקטיוו און האט ער, שלעזינגער, זאל אויך קר־כען שהין. אבער פרעזידענט שלעזינגער האט באדאנקט פאר'ן כבוד און געענט־פערט, דאס אזוי לאנג ווי די פראטעק־טיוו וועט נים באקאנט מאכען, אז די אלטע ארבייטס־באדינגונגען ווערען צו־ריק איינגעשטעלט אין טרייד, וויל ער זיך מיט זיי ניט צוזאמטרעפען.

די שטעלונג איז פון דער סטרייק־קאמיטע הארציג באגריסט געווארען.

צו דער פרעס האט די יוניאן ארויס־געגעבען דעם פאלגענדען סטייטמענט וועגן דער אנגעלעגענהייט:

„מיר וויינען זעהר דאנקבאר דעם סעקרעטערי און לייבאר פאר זיינע באמיהונגען צו ברענגען צו א סעטעל־מענט פון סטרייק. דאך וויינען מיר געצוואונגען עס צוריקצואווייזען.

„ווינט דער סטרייק האט אויסגע־בראכען, און ספעציעל פאר די לעצטע פאר וואכען, האט די מאנופעקטשור־רערס אסאסיאיישאן געזוכט דורך פארשיידענע מיטלען צו ברענגען צו פארהאנדלונגען ווענען סעטלען דעם סטרייק אויף נייע באדינגונגען, סאר־כענדיג זיך אין גאנצען פארגעסען אן דעם אגרימענט, וואס עקזיסטירט צווישען ביידע צדדים. דער רעזול־טאט פון די דאזיגע פארהאנדלונגען וואלט נאר פארלענגערט דעם סטרייק. און די יוניאן איז איצט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אין די אינטער־רעסען פון אלע צדדים וואס וויינען פאראינטערעסירט אין דער סיטואציע איז די בעסטע זאך צו ערקלעהרען איינמאל פאר אלע מאל אזוי שטארק ווי מעגליך, אז דער איינציגער וועג ווי אזוי עס זאל קומען צו א סעטעל־מענט, איז אז די מאנופעקטשורערס וועלען פריהער צוריק אנערקענען דעם אגרימענט, וואס זיי האבען געבראָ־כען. ווען זיי וועלען דאס עפענטליך ערקלעהרען, וויינען מיר וויליג צו קאנ־פערירען מיט זיי ווענען שלום, און נים פריהער".

לאמיר זיך איבערבעטען...

(פון די לידער וואס דער סטרייק האט ארויסגערופען.)

(געזונגען פון א קלאוק באס מיט'ן ניגון פון: „לאמיר זיך איבערבעטען").

פון מ ע נ ו ע ל ק א ה ן.

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
ביטער איז מיין לעבען, ביטער איז מיין לעבען,
לאמיר זיך איבערבעטען,
ווייל איהר ווילט נים סקעבען... (צוויי מאל)

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
איך וועל דיר קויפען פלוימען, איך וועל דיר קויפען פלוימען,
לאמיר זיך איבערבעטען,
וועל מעהר פון שטיק נים מרוימען... (צוויי מאל)

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
וועל מעהר נים זיין קיין פויער, וועל מעהר נים זיין קיין פויער,
לאמיר זיך איבערבעטען,
נים הערען מיסטער סטויער... (צוויי מאל)

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
איך וועל זיך מעהר נים קריגען, איך וועל זיך מעהר נים קריגען,
לאמיר זיך איבערבעטען,
דיין מאכט ווער קען באזיגען? ... (צוויי מאל)

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
איך וועל דעם קאנטראקט האלטען, איך וועל דעם קאנטראקט האלטען,
לאמיר זיך איבערבעטען,
זאל שוין זיין ביים אלטען... (צוויי מאל)

לאמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,
איך וויל שוין שנעלער סעטלען, איך וויל שוין שנעלער סעטלען,
לאמיר זיך איבערבעטען,
איך וויל אין גאס נים בעטלען... (צוויי מאל)

שלעזינגער שטעלט פאר נאסט אויף א גלענצענעם אופן.

אויף א גאנץ געלונגענעם אופן שלעזינגער פארגעשטעלט דעם נאסט פאר דער גענעראל סטרייק קאמיטע. ער האט דערצעהלט ווי נאך אין יאהר 1916, ווען די קלאוקמאכער וויינען אין סטרייק גע־ווען, האט אונטערמייער, דורכ'ן טעלע־פאן, פארשפראכען דער יוניאן זיין הילף. דאס איז געווען דעמאלט ווען רושייקאוו שיף, לואי מארשאל און נאך אנדערע איינפלוסרייכע בירגער האבען געהאלפען דער יוניאן מאראליש און פינאנציעל.

„איך האב דעמאלט — זאגט דער רעדנער — מר. אונטערמייער'ן פערזענליך נים געקאנט. איך האב איהם קיין מאל נים געזעהן. און ווען אונטערמייער האט מיר דעמאלט געפרעגט דורכ'ן טע־לעפאן, מיט וואס ער קען העלפען די יוני־יאן, האב איך איהם אפגעשיקט צו דער „סיטיזענס קאמיטע" פון איינפלוסרייכע בירגער, וואס האט דעמאלט עקזיסטירט. אבער מר. אונטערמייער האט צו יענע קאמיטע נים געוואלט געהן און האט אלי־אנגעפאנגען שיקען צום סטרייק פאנד צוויי טויזענד פינף הונדערט דאלאר וואך די גאנצע צייט וואס יענער סטרייק האט געדויערט".

שלעזינגער האט ווייטער דערצעהלט, דאס ווען מארים הילקוויט האט אין אנ־פאנג פון דעם סטרייק אנגעפרעגט אונ־טערמייער'ן צו ער וואלט געוואלט העל־פען דער יוניאן אלס לאַיער האט ער גלייך פארשפראכען זיין הילף, ארויס־



פרינשטיין'ס דרעסינג אקאדעמי.

לערנט דרעפינג, פע־טערן מייקינג, פעשאן סקעטשורס, סעמפלען, גריידינג און ספעשעל מעזשורמענטס מיט א גאראנטי און ליכטע באדינגונגען.

מאנופעקטשורערס קע־נען באקומען ספיילס יאשירס — טעסט און פיגעל פעטערס איזריכטיגע סייזעס.

פרינשטיין'ס פריוועט דרעסינג אקאדעמי
פרינשטיין'ס בילדינג
81 וועסט סענטער סטריט, ניער לעקשאן עוועניו
טעלעפאן יוניווערסיטי 4948

פערמאנענט אינדזשאנקשאן געגען די „פראטעקטיוו"

(שלוס פון זייט 1)

[illegible]

פרעזידענט שלעזינגער, הילס־ הייט און אנטערמייערס ערקלערונג וועגן אינ־ דזשאנקשאן.

וועגען ביאלא האט פרעזידענט שלעזינגער ארויסגעגעבן א דזשאינט־ סטייטמענט, וואס [illegible] הילקוויט און [illegible] אנטערמייער, האבען גע־ מאכט וועגען דעם אינדזשאנקשאן. די ערקלערונג איז די פאלגנדע:

„אויב דער אינדזשאנקשאן ווערט [illegible] וועלען מיר האבען [illegible] איבערגעגעבען געווארען צו דער [illegible]

„אנגעהאלטען, אז די געדרוקטע באַ־ ריכטען [illegible]

„מיט די [illegible]

[illegible]

[illegible] פארלאנג פאר א באשטענדיגען אינ־ דזשאנקשאן, וואס קומט שטענדיג מיט [illegible] אינדזשאנקשאן פארלאנג. די קייס וואס פארקומען אין פארלויף פון די נעקסטע עטליכע טעג.

„מיר ווייזען אויך א האר נים אונ־ באזארגט וועגען דעם ארויסגאנג פון די־ זער קייס, אדער וועגען איהר ווירקונג אויף דעם יעצטיגען סטרייק. די יוניאן [illegible] איז זי האט אויך איהרע וועלכע [illegible] איהר פארפליכטונגען אונטער דעם אגרימענט מיט דער אמעריקאן אסאסי־ איישאן, און זי וועט דאס זיין גרייט צו באווייזען.

„דאס מאל מוז האבען אין זינען, אז דער קורץ פראצעס, אין וועלכען די יוניאן האט נעקראגען אן אינדזשאנק־ שאן וואס זאל ניט דערלאזען מען זאל ווייטער ברעכען דעם קאנטראקט [illegible] אין געגען דער פראטעקטיוו אסס׳ן, דער יעצטיגער פראצעס איז פארפיהרט געווארען פון דער אמעריקען אסאסיאיישאן, וועלכע באשטעהט פון קאנטראקטארס, וואס ארבייטען פאר דער פראטעקטיוו אסס׳ן און פאר אנדערע. ווען די מעמבערס פון דער פראטעקטיוו האבען [illegible] נאטיס צו דער יוניאן [illegible] זייער קאנטראקט מיט דער יו־ ניאן דורך דעם, וואס זיי האבען זיך [illegible] די וועכענטליכע [illegible] און די 44 שטונדיגע אר־ ביימס־וואך און ווייזען באשטאנען אויף דעם, אז די יוניאן מעמבערס זאלען זיך אויף ווייטער מוזען אונטערווארפען צו שטיקארביים און 49 שטונדען א וואך [illegible] פאר די ארבייטער צו ארביימען פאר קאנטראק־ טארס, וועמעס ארביים פלעגט איבער־ געגעבען ווערען צו דער אסאסיאיישאן,

וואס האט אויך אזא אופן געבראכען איהר [illegible].

„די יוניאן האט נארנישט אויסער־ ווערטס [illegible] וועלכע מעמבערס פון דער אמעריקאן אסאסיאיישאן, הער־ טעס ארביים ווערט ניט איבערגעגעבן ווערען צו די מעמבערס פון דער פרא־ טעקטיוו אסאסיאיישאן, מיט וועלכע די יוניאן איז יעצט אין קאמף. אלע אמע־ ריקאן אסאסיאיישאן מעמבערס קענען קריגען יוניאן ארביים, און מען האט זיי אזוי דעמאלט [illegible]. אויב מען וועט בלייבן פארהיטען די יוניאן געגען דעם, אז די ארביים פון איהרע איינע־ נע מעמבערס זאל ניט [illegible] ווערען צו [illegible].

„דער אינדזשאנקשאן טרייעל, וואס איז אנגעפאנגען געווארען יענעם אבט וואכען צוריק ווי דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען, און דאן ווען די אמע־ ריקאן אסאסיאיישאן האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די ארבייטער ווייזען אי־ בער געווען גרייט אנצונעמען ארביי־ טען פאר יענע פון דער אמעריקאן אסא־ סיאיישאן מעמבערס, וועלכע ווייזען אליין ניט געווען אין דער אמת׳ען אנ־ געשטעלטע פון דער פראטעקטיוו אסא־ סיאיישאן — איז דיזער אינדזשאנקשאן פראצעס קלינגט עפעס ניט אויפריכטיג. עס ווייזען פאראן געגנת אורזאכען צו גלויבען, אז די פארשפעטיגטע האנד־ לונג פון דער קאנטראקטארס אסאסי־ איישאן איז אנגענומען געווארען אויף דער אנהעצונג פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן מיט דער האפענונג אפ־ צושוואכען די רייהען פון די ארביי־ טער. אויב דאס זאל זיין דער פאל, איז דאס געווען אן אומגעלומפערטע שטיק סטראטעגיע. די ארבייטער ווע־ לען ניט נעהמען ערנסט די שטעלע פון די קאנטראקטארס, און וועלען ניט גע־ שטערט ווערען פון דער הויפט אבזיכט פון זייער קאמף, נעמליך, צו צווינגען די ארבייטסגעבער צו פאלגען דעם קאנ־ טראלירענדען קאלעקטיווען אגרימענט.

„דער סטרייק וועט פארגעזעצט ווערען מיט ניט געמינדערטער ענערגיע ביז וואנען דיזער צוועק וועט פאלשטענדיג דערגרייכט ווערען."

די פראטעקטיוו באסעס וואכען צו שיסען דורך פרעמדע קאנאנען.

די מענשען, וואס האבען געמיינט, אז דער איינציגער קלאוקמאכער סטרייק וועט זיין א „גרינגער", דאס עס וועט ניט זיין קיין פארביסענער און פאר־ צויגענער, — יענע מענשען האבען גע־ לעבט אין טעות. הערווייל איז דער סטרייק שוין [illegible] אין דער נייינטער וואך, און עס [illegible] זיך נאך אלץ ניט קיין לאגה. די באסעס פון די פראטעקטיוו ווייזען נאך אלץ איינגע־ שפארט און ווילען [illegible] האבען נייע פארגרעסעס אין דער אינדוסטריע, פון וועלכע זיי וועלען קענען ציהען פאר זיך אלץ מעהר פערזענליכען נוצען אויפ׳ן חשבון פון די ארבייטער. און ווער ווייס ווי לאנג עס וועט נאך דארפען גע־ דויערט, ביז די יוניאן וועט אפקלאפען אט דעם חשק פון יענע באלעבאטים.

אבער דערווייל איז די פראטעקטיוו אסס׳ן נאך געפענטעט פון דעם אינ־ דזשאנקשאן וואס די יוניאן האט קע־ גען איהר ארויסגענומען און זי זוכט צו שיסען דורך פרעמדע קאנאנען.

מיט א וואך צוריק האבען מיר אויף דעם פלאץ אנגעוויזען, ווי די מאכער פון די פראטעקטיוו האבען זיך פאר־ שטעקט הינטער עפעס א „רעווייערס אסס׳ן" און פון דארטען געפרובט שליי־ דערען „באמבעס" אין דער קלאוקמא־ כער יוניאן. די יוניאן האט זיי אבער באלד געגעבען איבער די פינגער און די „רעווייערס אסס׳ן" איז ארונטער פון סצענע.

איצטער מאנעווורירט די פראטעק־ טיוו מיט דער „אמעריקען אסס׳ן". די מאכערס פון די פראטעקטיוו ציהען ארייין אין א בלאטע די „אמעריקען אסס׳ן", פון וועלכער זי וועט קיינמאל ניט קענען ארויסקריכען. די פראטעק־ טיוו־לייט וואכען דא צו שארען קוילען פון פייער מיט יענעמ׳ס פינגער. וואס ארט עס זיי, וואס די „אמעריקאן" וועט זיך אפברענען די פינגער?... אבער די „אמעריקען" וועט עס שפעטער הא־ בען צו פיהלען.

די מאכערס פון דער אמעריקען אסא־ סיאיישאן דארפען נאך נערעכטען, ווי שווער עס איז זיי אנצוקומען, איידער זיי האבען [illegible], אז דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכערס יוניאן זאל איבערהויפט נעהמען מיט איהר האנדלען. דער דזשאינט באארד האט גוט געוואוסט, אז קאנטראקטארס און סאב־מאנופעקטשורערס קענען נים זיין

א פאקטאר אין דער אינדוסטריע און [illegible], אין נאר אלס [illegible] אין די אמעריקאן אסס׳ן אנערקענט געווא־ רען. איצט אבער האט זיך די אסא־ סען געוואוסט אנצוהעלפען פון די מאכער פון די פראטעקטיוו, די זאלן לייזען נאך אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן וועגען דעם „אינדזשאנקשאן" פון די אמעריקען אסס׳ן וועט איז נאר איינ־ קלינגען צו רידען אביסעל שפעטער. דא ווילען מיר בלויז זאגען, אז אט די נאַ־ רישע האנדלונג פון די אמעריקען, דאס לאזען זיך [illegible] און ווערען א ווערק־ צייג אין די הענט פון די מאכערס פון דער פראטעקטיוו, וועט איהר אייביג אנטקעגען גיהן. די מאכערס פון די אמעריקען אסס׳ן ווייסען אליין גאנץ גוט, אז ווי ווייטען צו קיין אינדזשאנק־ שאן ניט באדערפט, ווייסען ווי דאך, אז מען קען נישט לאזען ארבייטען ווייס־ ערע שעפער, אין דער צייט ווען מען סטרייקט געגען די אינסיידשעפער פאר וועלכע ווי ארבייטען. דאס וואלט דאך מיינען צו געבען ווי א הכשר צו סקע־ בען בפרהסיא.

„מיר וועלען פון שלאכטפעלד נישט אנטלויפען".

איינס איז זיכער — אין לאגער פון די מאנופעקטשורערס ווערט אלץ אומרו־ היגער. וואס נעהנטער עס רוקט זיך אונ־ טער דער אנקומענדער סיזאן, אלץ אומ־ רוהיגער ווערט עס דארטען. די באלע־ באטים ווייסען גאנץ גוט וויפיל ווי פאר־ לירען יעדע וואך וואס דער סטרייק פאר־ ציהט זיך, און עס רופט ווי, ווי שעלי־ מען געהיים אין דער שטיל די מאכער פון דער „פראטעקטיוו", וואס האבען פארקאכט אט די גאנצע קאשע.

גאנץ אנדערש איז אבער די שטימונג אין לאגער פון אונזערע סטרייקערס. דא הערשט די פולסטע רוהיגקייט. די סטריי־ קער האבען ערווארט א שווערען קאמף און ווי ווייזען אויך א האר נים אומרוהיג.

דא איז עס נישט פארקעהרט — וואס נעהנטער דער סיזאן רוקט זיך אונ־ טער, אלץ רוהיגער ווייזען די סטרייקער. ווייל ווי ווייסען, אז באלד, באלד און די באלעבאטים וועלען מוזען סעטלען, ווען עס נישט מער די פראטעקטיוו אלס א קערפערשאפט, וועלען עס מען די מא־ נופעקטשורערס אלס איינצעלנע. געווים וועלען די גרויסע עזהל באלעבאטים נים וועלען פארלירען דעם סיזאן און וועלען סעטלען איינציגווייז. הייסען ווי דאך גאנץ גוט, אז ווען אין שפעט נעהמט די אר־ ביים, ווען די משיגינען דרעהען זיך, לע־ גען ווי נישט צו צו דעם דער באלעב׳ס ירושה, וועט אפילו די ארבייטער נעהמען פון וואך. נישקשה, וייער שארען אויך אלע ארבייטער נעוואגט געווארען!...

ווייזען די סטרייקער גאנץ רוהיג. מען ווייסט אין די הולס, מען פיקעט די שעפער און די ענטשלאסענהייט וואקסט צווישען מיט׳ן סטרייק!

„מיר האבען נענוג אויסדויער" — זאגט פרעזידענט שלעזינגער אין נאמען פון די סטרייקער. „מיר ווייזען גרייט און ענטשלאסען צו סטרייקען, ביז מיר וועלען דעם קאמף געווינען. מיר וועלען פון שלאכטפעלד נישט אנטלויפען!"

און אזוי וועט עס זיין. „מיר וועלען פון שלאכטפעלד נישט אנטלויפען". מיר וועלען קעמפען רוהיג און גלאטען, ביז מיר וועלען זיגען, ביז די ווילדע עקשנות פון די באלעבאטים וועט נעבראכען ווער־

[illegible] ווי [illegible] עס זאל נים מוזען גע־ דויערן.

דער פוסטער קלאנג, אז „מען מאכט סקעב ארבייט."

נאך א צייכען פון אומרוהיגקייט אין באלעבאטישען לאגער איז דער פוסטער קלאנג, וואס די באסעס האבען זיך גענו־ מען פארשפרייטען, אז „מען מאכט ער־ גיץ סקעב־ארביים."

אחוץ דעם וואס דאס צייגט, אז די באסעס מוזען שוין זיין גענוג פארצווייי־ פעלט ווען ווי נעהמען זיך פאר אזעלכע מיטלען, ווייזט דאס אויך, וואס פאר א שלעכטע דיפלאמאטען און קרינג־ זעהער ווי ווייזען. וואריט יעדער איינער קען דאך גלייך איינזעהן דעם בלאף דערפון. פארשטעהט דאך יעדער איינער, אז וואלט דאס אמת געווען, וואלט מען טאַ־ קע ערגעץ געמאכט ווערק סקעב־ארביים, וואלטען ווי זיכער גאנץ שטיל געשוויגען און וואלטען נים ארומגעהן עס ער־ פיקען איבער׳ן שטאדט. ווי וואלטען עס געווים האלטען בסוד סודות און אין דער שטיל אנגעהאלטען וואס ווי קריגען די ארביים געמאכט.

אלזא, דאס באריהמען זיך פון די באסעס, אז „מען מאכט ערגעץ ווייער ארביים" אין דער בעסטער באווייז, אז דאס איז א ליגען. אין די יוניאן־קרייי־ זען ווייסען אלע, אז דאס איז א ליגען, און מען לאכט דערפון אין די הויפטקוואר־ טירען. יעדער געסעטעלטער שאפ איז גוט באַ־ וואכט, און ווערט געוואכט, עס זאל דארט קיין סקעב־ארביים נישט געמאכט ווערען. אלזא, אין די יוניאן־קרייזען גלויבט עס קיינער נישט. אבער אזוי ווי דער בלאף איז לעצטע וואך פארבראכען אויש אין די ציימונגען, האט פרעזידענט שלעזינגער געפונען פאר נויטיג, פון לייי־ טען וועגען, צו געבען אין דער פרעס א קורצען סטייטמענט וועגען דעם. אט איז דער סטייטמענט:

„אלע יוניאן שעפער בעוואכט און באשיצט.

„אלע אונזערע שעפער ווייזען באַ־ וואכט און באשיצט. אין פילאדעלפיא האבען מיר א געסעטעלטען קאנטראקט; אבער איבער׳ן גאנצען קאנטראקט ליגט א ארויסגעשפריים א וואך, וואס הייסט, אז מען זאל נים מאכען קיין סקעב־ארביים פון ניו יארק; אין שיקאגא האבען מיר שוין אויך א געסעטעלטען קאנטראקט און אויך ביי די גרענעצען פון שיקאגא ליגט א וואך גרויס און שטארק נים צוצולאזען סקעב־ארביים אין די שיקאגא׳ר שעפער; און אזוי איז אין יעדען קלאוק־צענטער. אומעטום ווערט בעהיט, ווייל אומעטום לעבט מען מיט דעם היסטארישען קאמף וועלכען מיר פיהרען.

„און דא אין ניו יארק גופא, — האט שלעזינגער פארטגעזעצט, — איז אלץ פארטלייזירט אין די שעפער, וואו מען סטרייקט. אונזער וואך דא אין ניו יארק היט מיט טויזענטער אויגען, אז מען זאל קיין סקעב נים ארייננעהמען, אדער מען זאל קיין סקעב־ארביים אין די געסעטעלטע שעפער נים מאכען. אונזער וואך איז א גלענצענדע, אן אונ־ צוברעכבארע, און וועט נאך נויטיג זיין, וועט די וואך פארשטארקט ווערען, פאר־ דאפעלט און פארדרייפאכט ווערען."

א היסטארישער מיטינג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע

דער מיטינג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע לעצטען מאנטאג אווענט אין ברייאנט האל, איז געווען א היסטארי־ שער.

מאנטאג דעם גאנצען טאג איז דער לאגער פון די קלאוקמאכער סטרייקער גע־ ווען שטארק אויפגערודערט. די נייעס פון דעם אמעריקען אינדזשאנקשאן גע־ גען דער יוניאן האט אלע סטרייקער שרעקליך אויפגעבראכט און . . . מאנטאג גאנץ פריה האבען זיך אלע סטרייקער ארויסגעלאזט אויפ׳ן גאס, דאס הייסט אין קלאוק־דיסטריקט. דער רעזולטאט איז געווען דאס די גרויסע מאסע סטריי־ קער האבען באגעגענט דעם אינדזשאנק־ שאן מיט א גרויסער פיקעט־דעמאנסטרא־ ציע ארום די קלאוק שעפער! עס איז ווידער אמאל געווען איינע פון די גרעס־ טע, איינדרוקספולע פיקעט־דעמאנסטרא־ ציעס אין דער געשיכטע פון דעם איצ־ טיגען סטרייק.

פון דער פיקעט לייו איז מען אוועק אין די סטרייק־האלס, און אי אויף דער פיקעט־לייו, אי נאכדעם אין די האלס האט מען אלץ געהערט פון דער „חוצפה פון די סאב־מאנופעקטשורערס", וואס האבען זיך אונטערגענומען צו „שארען די הייסע קוילען פאר די פראטעקטיוו באַ־ סעס!"... ווי איהר זעהט, ווייזען אונ־ זערע קלאוקמאכער נישט קיין גרינגע; זיי האבען גלייך דערשפירט פון וואנען דער ווינט שמעקט... דעם גאנצען טאג איז דער אינדזשאנקשאן געווען די טעמא פון אלע געשפרעכען צווישען די סטרייקער און אלע האבען גערעדט מיט גרויס ענט־ רוסטונג פון די סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס, די „קלאגעדיגע באַ־ לעבאטים פון דער אמעריקען אסס׳ן".

דער היסטארישער מיטינג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע יענעם אווענד האט פארענדיגט דעם אויפגערודערטען טאג. קומענדיג צום מיטינג, האבען די מיטגלידער פון דער סטרייק קאמיטע שוין געוואוסט, אז דער אינדזשאנקשאן איז דערווייל ערגעץ פארהאלטען געווא־ רען, אז דאס איז פארלויפיג א טויט גע־ בארען קינד, און די ענטריסטונג פון די סטרייקער איז א ביסעל שוואכער געווא־ רען. דער עולם האט זיך שוין גענומען וויצלען, אז די „באמבע" וואס די אמע־ ריקען אסס׳ן האט פאר די פראטעקטיוו ארייינגעשליידערט אין דעם לאגער פון די סטרייקער „האט נישט געפלאצט". דאס

עקז. באארד באריכט פון לאקאל 25

א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער לידיס וועיסטמאכער יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען דעם נטען יאנואר, 1932, ... 10 וועסט 12טע סטריט, אונטער דער פרעזיד פון ראוז פעסאמא.

מאקס בערג ווערט אויסגעשלאסען ... פורעם עקזעקוטיוו באארד פאר ני... באזוכען די מיטינגען.

דער רושאינט באארד באריכט פו... דעם 28טען דעצעמבער ווערט פאר... האנדעלט און גוטגעהייסען.

ברודער מאקאף, סעקרעטער פון דע... דושאינט באארד לאָוט אונז וויס... אין א צירקולאר אז די יוניטי הויז קא... מיטע האט ארראנזשירט א באל פא... דעם 22טען פעבדואר און ווי פארער... אויף די לאקאלע ענטערטיינמענט קא... מיטעס צו העלפען מאכען דיזע אונ... טערנעמונג א ערפאלג. דער צירקולאר ווערט גוטגעהייסען און די ענטערטיינ... מענט קאמיטע ווערט אינסטרואירט... אויספאלגען דעם פארלאנג פון דע... יוניטי הויז קאמיטע.

עס ווערט פארגעלייענט א צירקולאר פון דער „ווימענס טרייד יוניאן ליג" אין וועלכען אונזער יוניאן ווערט איינ... געלאדען צו א קאנפערענץ פון אל... ארבייטער פרויען ארגאניזאציאנען פו... די מזרח שטאאטען וואס וועט אפגע... האלטען ווערען פרייטאג אין נו... ניו דושורזי. די איינלאדונג ווערד... אנגענומען און מרים לעווין און ליני... גורמאן ווערען ערוועהלט אלס דעלעגא... טען צו דיזער קאנפערענץ.

אונזערע דעלעגאטען צום „קאונס... פאר אומבאשעפטיגטע" באריכטען, א... דעם 25טען דעצעמבער איז אפגעהאל... טען געווארען אין א קירכע א דעמאנסט... ראציע פון אומבאשעפטיגטע ארבייטער... די דעמאנסטראציע איז געווען גוט בא... זוכט און עס איז באשלאסען געווארע... אפצוהאלטען א צווייטע דעמאנסטרא... ציע אין דער נאהענטער צוקונפט.

דער סעקרעטער באריכטעט אז ד... קאמיטע, וועלכע איז ערוועהלט געווא... רען ביים לעצטען מיטינג צו פארקו... פען באל טיקעטס פאר די סטרייקענד... מילך־דרייווערס האט פארקויפט ט... קעטס פאר 33.50$. דיזער באריכ... רופט ארויס גרויס צופרידענהייט פ... די עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער א... דער סעקרעטער ווערט אינסטרואיר... גלייך איבערגעבען די געלט צו ... סטרייקערס.

צום שלום ווערט געמאכט די נו... טיגע אראנזשמענטס פאר די קומענד... ברענטש מיטינגען וואס דארפען אפגע... האלטען ווערען דעם 5טען יאנואר, א... עס ווערען באשטימט די פארשידע... קאמיטעס דורכצופיהרען דיזע מיטינג... אין דער בעסטער ארדנונג.

דערמיט ווערט דער מיטינג געש... שלאסען.

טשארלס דזשייקאבסאן,
סעקרעטע...



דער אלטער זיכערער מיטעל פאר פארקילונגען

הילס סי. בי. קיו. טאבלעטס ... פארקילונגען אין 24 שטונדען — ... 3 טעג

W. H. HILL COMPANY, DETROIT

אין א קליין שטעטעל

(נאוועלע)

פון מרים קארפילאוו

(פארזעצונג)

„הענגען קענען זיי, אבער צי מענען זיי?" האט זיך א צווייטע אפגערופען.

„ווי טארען ניט, אזוי גוט ווי די אריכע", האט א דריטע שטרענג געפּסקנ'ט.

„יעדע מיידעל דארף זיך גוט ארומקוקען אויף וואס פאר א וועלט זי איז" האט איינע פון ברכ באָנה מיט ווארטונג גע־זאגט.

„ניט נאר יעדער מיידעל, נאר יעדער בחור אויך", האט דער יונגער קלויזניק פון זיין זייט צוגעגעבען.

„נו, אויף א בחור קאָן מען זיך ניט אזוי שטארק פארלא־זען", האט די מיידעל וואס געבען איהם מיט'ן האנט א מאך געטאן. „גיב איהם נאר א פינגער — וועט ער די גאנצע האנט אריינכאפּען."

„ניט אלע בחורים זיינען אזעלכע" —

„אלע, אלע ווי איינער. אפילו די קלויזניקעס אויך..."

נו, וואס זאגט איהר דערצו?" האט זיך דער קלויזניק צו דער מיידעל פון זיין צווייטער זייט געווענדעט.

„איך זאג: אז זי זאגט — מסתמא ווייס זי..." האט יענע א לאך געטאן.

אלע האבען זיך צולאכט.

„שא, לאמיר פרעגען ברכה'קען", האט א צווייטער קלויז־ניק וואס האט די גאנצע צייט געשוויגען אויסגערופען: „ווער איז מעהר אין אזעלכע זאכען שולדיג?"

„אלע — ביידע —"

„אלע ביידע!" האבען אלע אונטערגעכאפּט און געלאכט.

„ששש, וואס לאכט מען דא אזוי?" איז ברכה'קע געווען אומצופרידען.

„אלע ביידע!"

„מיר'ן זי רופען אלע־ביידע."

„גענוג. איך זאג אז קיינער איז ניט שולדיג." האט זיך דער ערשטער קלויזניק אפגערופען. דאס הייסט: אדער ביידע, אדער קיינער ניט. מ'זאגט, אז ס'קומט אן אזא פאר־בלענדעניש אז ביידע ווייסען ניט אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען...

„מע זאגט! ווער איז דער מע?"

„מע איז א ציג."

„פאר וואס אז מע נעפינגט אוים אויף וואס פאר א וועלט מע איז, האט'ן ניט חתונה, פאר וואס?"

„ווייל... די פארבלענדעניש נעהט אריבער..."

„און דאס רופט מען ליבע?"

„יע, ס'איז ליבע. ס'אזא ליבע אויף א ווייל..."

„ס'מוז אזא ליבע. אויף שונאים געזאגט געוואָרען אזא ליבע! טפוי!"

„אזעלכע ליבעס זאל מען נעדיכט זעהען און ווי זאלען שי־טער אויסגעהן."

„אז ניט נעדאכט זאלען זיי ווערען!"

„ברכה'קע! אפשר וועסטו שוין דאך אמאל אין שטוב אריינגעהן?" האט זיך ווידער פון שטיבל געלאזט הערען. „ווי פיל מאל וועט מען דאס דיר נאך מוזען זאגען?"

„באלד".

„ד י י ן באלד!"

„שוין..."

„אז שוין זאל זיין שוין. גענוג דארטען צו זיצען."

„גלייך, כ'קום שוין ארייך!"

„דיין שוין!"

„אך!" און ברכה'קע האט זיך ניט גערען מיט דער קאמ־פאניע צוזעגענט.

„וואס זיצט מען דאס אזוי שפעט, פון וואס רעדט מען דאס אזוי פיל" — האט איהר די מאמע געפרעגט ווען זי איז אין שטיבעל אריינגעקומען.

„מען טאר שוין גאר א ווייל ניט פארברענגען."

„פארברענגען, פארברענגען, פארברענגען! פון קיין אנ־דער זאך ווייסטו ניט ווי פארברענגען. וויפיל דארף מען דאס פארברענגען? מארגען איז דאנערשטאג. שוין ערב שבת און די קופער איז נאך ניט צושייערט, די גרעט נאך ניט ארומגע־זעהן, אבי זי האלט אין איין פארברענגען! איך בין אויך אמאל געווען א מיידעל —"

„ט'צאך דערמאנט! האט ברכה'קע אונטער'ן נאז א האמוע געטאן: קיינמאל האט זי גאר ניט געקאנט פארגעסען, די מאמע איהרע, וואס זי איז אמאל געווען א מיידעל! און כמדומה האט זי געוואלט אז זי, ברכה'קע, זאל זיין פונקט אזא מיידעל ווי זי איז אמאל געווען...

„וואס האמוזעסטע דארטען, וואס?" האט די מאמע פון בעט געפרעגט.

„גארנים"...

„רעדסט נאך אנטקעגען?"

„ווער רעדט? איך שווייג דאך!"

„דיין שווייגען!"

„וואס ווילסטו!"

„גיי זיך שלאפען!"

„איך לעג זיך דאך."

„ד י י ן ליינען זיך. וועסט זיך ערשט מסתמא אויפעקליי־ען לייענען, און וועסט מארגען נישט קענען אויפשטעהן."

„זארג זיך ניט. כ'וועל אויפשטעהן."

„וועסט אויפשטעהן מיט א קאפּ־ווערטאג, מיינע שונאים."

„וואס האט איהר זיך דארטען „וואסאחאטשעט" ווי די גענז?" האט זיך דער טאטע פון זיין בעט א בייזער געטאן: „מ'לאזט דאס מיך אן אויג ניט צומאכען!"

עס איז שטיל געווארען. דער טאטע האט זי נערווע־זעט, האט ברכה'קע א טראכט געטאן. אז ניט ער, וואלט זיך די מאמע איהר געגעבען מוסר'ן פאר וואס זי לערנט זיך ניט פון אנדערע ווי גוט צו זיין, אט אפילו פון איהר אייגענער שוועסטער, פון פריידען: יענע געהט אין ערגעץ ניט, זיצט ניט אפּ קיין גאנצע נעכט אויף דער לאנגער באנק. ווי עס ווערט נאר אוונט, געהט זי און לייגט זיך שלאפען. זי לייגט זיך מיט די הינער און שטעהט אויף מיט די הינער. און גאל־דענע הענט האט זי. זאל נאר גאט געבען אז איהר מזל זאל זיין א גוטער.

אלע מאל דערמאנענדיג דעם מזל האט די מאמע פרים געזיפצט און זיך די האר אונטער'ן שייטעל בעסער פארשרט: פריידע איז שוין געווען אהן עין הרע א מ ו י ד, א מויד ווי א ציבעס", ס'געווען אויף וואס א קוק צו טאן. די צרה איז געווען מיט דער שטעטעל, וואס אין איהר זיינען קיין רעכטע מענשען ניט געווען. די בחורים האבען זיך צו־פאהרען, איז ניט געווען מיט וועמען א שידוך צו טאן.

ברכה איז געווען מיט דער מיינונג אז פריידע וואלט ניט באדארפט זיצען אין דער היים און ס'ניט געווען אויף וואס צו האפען. זי וואלט באדארפט אין א גרויסער שטאדט אוועקפאהרען. זי וואלט דארט אויך געקענט איהר שטעטעל באשטעהן. זי האט געקענט גוט נייען. דערוויל וואלט זי זיך מיט מענשען באקענט און די מאמע וואלט שוין אפשר אמאל אויפגעהערט מיט איהר מזל ברכה'קען א קאפּ צו דרעהען...

פאר איהר, פאר ברכה'קען, וואלט אויך בעסער געווען אז פריידע זאל אוועקפאהרען. וואלט זי קאנען א קאפּ אויס־הייבען. אזוי, וואס נאר עפּעס איז: „האסט אן עלטערע שוועסטער, וועכט נאך צייט האבען אלעמען אין די אויגען צו „שפרינגען"...

אויב פריידע וועט פון דערהיים ניט אוועקפאהרען, האט ברכה ביי זיך באשלאסען אז — ז י א ל י י ן וועט די היים פארלאזען. עס האט איהר שוין דערעסען אט די אלטע שטי־בעל מיט די שטענדיגע ארימקייט, מיט'ן טאטענס יחוס, וואס האלט אין איין לערנען און הוסטען, און דער מאמע'ס אל־מערל אויפ'ן מארק...

די איינציגע זאך וואס זי האט האלט געהאט, איז געווען דער טייך, די לבנה און דאס פארברענגען. האט מען איהר דאס אויך ניט פארגינען!

זי האט דעם פראצענטניק'ס טאכטער מקנא געווען: זי האט אלץ געמעגט טאן, קיינער האט איהר א ווארט ניט גע־זאגט. און אלץ דערפאר וואס איהר טאטע איז רייך געווען.

אויך אזא ווי דעם פראצענטניק'ס טאכטער איז, האט איהר מאמע געזאגט, טאר אן ערליך מיידעל, וואס האט נארישט, ניט סמעיען צו קוקען. ביי יענער וועט דער נדן א ל ץ פארדעקען, און ארימע מיידעל מ ו ז זיין גוט, מוז האבען א סך מעלות, וועט איהר גאר ניט זיין פאר וואס צו נעהמען.

ברכה'ן האט זיך געוואלט זיין גוט, אבער דאס האט זיך איהר שווער איינגעגעבען. זי האט אלץ געוואלט עפּעס וואס זי האט געוואוסט, אז ס'איז שווער צו דערלאנגען.

„דאס מעלערל פון הימעל וואלט זי וועלען מ'זאל איהר געבען", פלעגט די מאמע איהר זאגען. אלץ וויל דאס, אלץ דארף דאס!

דאס „וואקסען ווי אויף הייוון", האט מען איהר אויך פאר א חסרון גערעכענט, א זאך וואס איז שוין גאר ניט איהר שולד געווען.

זי האט געבעטען גאט, אז פריידע זאל שוין גיכער חתונה האבען און זי וועט זיך געהן לערנען מאכען זאקען אויף א מאשין, אז טאמער וועט זיך איהר איינגעבען אין א גרויסער שטאדט ארויסרייסען, זאל זי צו קיינעם'ס לאסקעס ניט דאר־פען אנקומען. זי זאל זיך אליין אויף אלץ וואס זי וועט דאר־פען קענען מיט איהרע אייגענע הענט פארדינען.

(פארזעצונג קומט.)

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

וועכענטליכער קאלענדאר.

אין ארבייטער אוניווערזיטעט: — וואשינגטאן אירווינג היי סקול, 16טע רח. און אירווינג פלייס.

שבת, דעם 14טען יאנואר, 180: „מאדערנע ליטעראטור”, לעקטשורער, ב. דוש. ה. סטאלפער. אום 2.30, א. ל. ווילבערט. 2.30, דער אורשפרונג פון מאנכע טרייד יוניאנס אין אמעריקא, לעקטשורער, לעא וואלמאן.

זונטאג, דעם 14טען יאנואר: — 10.30 אין דער פריה, „פסיכאלאגיע”, לעקטשורער, אלעקסאנדער פישהאנדלער. אום 11, די סאציאלע און אינדוסטריעלע געשיכטע פון אמעריקע; לעקטשורער ה. י. נארמאן. אום 11.30, די רעדנער שולע. לעקטשורער, ג. פ. שולטע.

אין די יוניטי סענטערס.

מאנטאג אווענט, 16טען יאנואר, איסט סייד יוניטי סענטער, „אינדוסטריע קריזיסען”, לעקטשורער, סאלאן דע ליאן. איסטער בראנקס יוניטי סענטער, „די אינדוסטריעל וואירקער און די וועלט”, לעקטשורער, מאקס לעווין. בראנזוויל יוניטי סענטער, „די אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן”, לעקטשורער, מארגארעט דעניעלס.

דינסטאג אווענט, דעם 17טען יאנואר: וועסט סאבער יוניטי סענטער; „די אינדוסטריעל וואירקערס און דחי וואָרלד”, לעקטשורער, מאקס לעווין. הארלעם יוניטי סענטער, „אינדוסטריעלע קריזיסען”. לעקטשורער, סאלאן דע ליאן. דריטער בראנקס יוניטי סענטער, „דאס ענטשטעהען און דאס פארגעהען פון די נייטס אוו לייבאר”. לעקטשורער, טהאמאס וואלפסאן.

אן אינטערעסאנטער בריף צום עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

י. מ. מעקמאוויש, דער סעקרעטאר פון „די וואירקערס עדיוקיישאן אסאסיאיישאן” פון די טרייד־יוניאנס אין ענגלאנד, האט אונז געשיקט אן אינטערעסאנטען בריף, פון וועלכען מיר נעמען ארויס דאס פאלגענדע:

„מיר דאנקען אייך פאר די צוגעשיקטע פראספעקטען פון די קורסען פאר 1921—22.

„...אונזער צוועק און ציל איז, דאכט זיך, דער זעלביגער, אבער די אומשטענדען ביי אונז זיינען אנדערע ווי ביי אייך. עס פרעהט מיך צו זעהן, וואס פאר א גרויסען ארט עס פארנעמט ביי אייך די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג און נאך זעלכע פראגען. ביי אונז איז עס א ביסעל אנדערש. אונזערע אקאדעמישער האלטען ניט שטארק פון דעם. מעגליך אפשר דערפאר, וואס זיי פארשטעהען עס ניט...

„א דאנק אייך פאר דעם צוגעשיקטען ארטיקעל פון די „ניו רעפאבליק”. דאס צייגט, אז אייער ארבייט פאראינטערעסירט דעם אלגעמיינעם פובליקום. זיי אבער פארזיכטיג. זעהט, אז זייטיגע מענשען זאלען זיך ניט מישען צו פיל אין דער זאך. זיי קענען אמאל די גאנצע זאך ארונטערפיהרען פון ריכטיגען וועג. עס איז גאנץ שווער אנצוגעהן מיט בילדונג פאר דערוואקסענע מענשען די בעסטע זאך איז, אז די ארבייטער בילדונג זאל ווערען קאנטראלירט פון די ארבייטער גופא.

„עס איז מיר געווען אנגענעם צו הערען, דאס מיינע ארטיקלען, וואס זיינען געדרוקט געווען אין די „רושאסטים” האבען ארויסגערופען אינטערעס און אויך קריטיק. איך וואלט זעהר געוואלט זעהן, וועלכע קריטיק עס איז אויסגעאיבט געווארען.

„גראטולאציאנען פאר אייער רעפארט צום קאנפערענץ. עס איז געווען זעהר גוט.

„די ארבייטסלאזיגקייט ביי אונז, אזוי גוט ווי ביי אייך, איז א שטערונג פאר אונזער ארבייט. דאס האט אבער אונזער טעטיגקייט ניט אפגעשטעלט. מיר מאכען אלץ פארטשריט.

„אזוי קיין נייעס איז ניטא. מיר זיינען דערוויל שטארק פארנומען מיט פלענער פאר אונזער וויטערדיגער טעטיגקייט”.

מאסען און קלאסען.

ווען מען נעמט זיך פארצובארייטען ארבייטער־קלאסען, איז אפט שווער צו באשטימען, וועלכע מעטאדע עס וועט בעסער דינען דעם צוועק. און מעטאדען זיינען דא פארשיידענע.

דאן איז א פראגע, ווי צו דערגרייכען די „ראנק און פייל”, און ערשט נאך דעם פענגט זיך אן דאס לערנען.

פון ערפאהרונג וויסען מיר, דאס עס איז דא צוויי מעטאדען ווי צו דערגרייכען דעם עולם. איין מעטאדע איז, דורך גרויסע פארזאמלונגען פון ארבייטער. א גוטער רעדנער קאן אויף אזעלכע מיטינגען „נעמען” דעם עולם.

די צווייטע מעטאדע איז די קלאס־רום בילדונג. קליינע גרופען ווערען ארגאניזירט און זיי קומען זיך רעגולאר צוזאמען אין א באשטימטער צייט. דארטען נעהט די צייט אוועק ניט אין לעקטשורען, נאר אין דיסקוטירען די געגענשטאנדען. דער לערער ברענגט פאר פאקטען, ארער טעאריעס און דאס ווערט דיסקוטירט צווישען די לערער און די סטודענטען.

וועלכע פון די צוויי מעטאדען איז די בעסערע?

ביידע זיינען גוט. אבער יעדע פון זיי דערגרייכט אן אנדער צוועק.

נאטירליך, לעקטשורס פאר א גרויסען עולם זיינען געוויס אויך באלערענט. עס איז אבער ניט אזוי אנרעגענד צום לערנען ווי דער קלאס־רום. דארטען באקומען די סטודענטען מעהר אינטערעסע אין דעם לערנען. דערפאר איז אבער די לעקטשור פארם מעהר אנציהענד פאר א גרעסערער צאהל מענשען. אין לעקטשור־האל כאפט מען אפשר ניכער אויף די למודים, אבער אין קלאס־רום באקומט מען מעהר בילדונג, בעסערע סיסטעמאטישע בילדונג. דורכ'ן לעקטשור־האל דערגרייכט מען טאנע א גרעסערע עולם, אבער דער גרויסער עולם נעמט ארויס דערפון ווייניגער, ווי דער קלענערער עולם טוט עס אין קלאס־רום.

די אונטערשטע שורה איז, ווי שוין פריהער באמערקט, דאס ביידע מעטאדען פון לערנען זיינען גוט און זיינען נוצליך פאר די ארבייטער מאסען.

דאס לערנען אין קלאס־רום ווערט געפירט אויף אזא אופן, אז דער סטודענט זאל ניט באקומען אזא מין בילדונג פון וועלכען ער זאל קאנען ציהען א פערזענליכען נוצען, בלויז פאר זיך אליין. אין אונזערע קלאסען, למשל, העלפט מען קיינעם ניט צו ווערען א לאיער, א דאקטאר, א דענטיסט, אדער עפעס אן אנדער פראפעסיאנאל. מען העלפט צו ווערען בעסער געבילדעט און ווערען בעסערע יוניאן לייט, בעסערע קעמפער אין זייער ארגאניזאציאן, ווי אין דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

אין קורצען, דער הויפט צוועק פון דער ארבייטער בילדונג איז, ארויסצוברענגען אין דער טרייד יוניאן באוועגונג מענשען מיט בילדונג און מיט טאקט. מענשען וואס וועלען וויסען בעסער צו ארבייטען פאר א בעסער לעבען, פאר א בעסערער וועלט פאר'ן ארבייטער קלאס.

„דער לעצטער איד” אין קונסט טעאטער

א ספעציעלע פארשטעלונג פון משה נאדיר'ס סאטירישע קאמעדיע וועט געשפילט ווערען דאנערשטאג אווענד, דעם 19טען יאנואר, אין אידישען קונסט־טעאטער.

„דער לעצטער איד” איז א פאנטאזיע־שפיל, וואס שטעלט פאר א פריאד ווען אויף דער גאנצער וועלט געפינט זיך בלויז איין איד, און ער מוז נעבאך אליין אויסשטעהן אלע בלבולים, באקומען דעם גאנצען קרעדיט און טאדעל פון דער קריסטליכער וועלט.

משה נאדיר'ס פליגקע וויציגע פען געפינט דא די אומגעהויערע געלעגענהייט אויסצובריינגען אי שארפזיניגען הומאר, אי געדאנקען־רייכע אלעגאריעס.

טיקעטס ביים באקס־אפיס.

יוניטי! יוניטי! יוניטי!

איז דער רוף פון דער יוניטי הויז קאמיטע

די יוניטי הויז קאמיטע האט ארראנזשירט א יוניטי באל פאר דינסטאג אווענט, פעברואר דעם 21טען, וואשינגטאן'ס בוירטדעי, אין ניו סטאר קאסינא, 107טע סט. און פארק עוו.

די יוניטי פאמיליע לאדעט איין אלע פריינט פון דער יוניטי הויז בכלל און די מיטגלידער פון דער דרעס און וויייסטמאכער'ס יוניאן בפרט צו דער אונטערנעמונג ביי וועלכער איהר וועט זיך פיין אמוזירען און גוט אונטערהאלטען און אין דערזעלבער צייט העלפען די הונגעריידענדע אין רוסלאנד, מחמת דער גאנצער פראפיט וועט גהען פאר סאוועט רוסלאנד.

טיקעטס קאן מען שוין באקומען אין אלע אפיסעס פון דער יוניאן. דער פרייז פון א טיקעט איז איצט 50 סענט, אין באקס אפיס וועט א טיקעט קאסטען 75 סענט.

לעגט אלץ אוועק און קומט נאך טיקעטס, לעגט אלץ אוועק!



אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך באפרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. זעהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 5 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינישאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 163טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170' פיטקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

א גרויסער מאסמיטינג אין אלענטאן

לעצטען זונטאג אווענד איז אין אלענטאון, פענסילווייניא, אפגעהאלטען געווארען דער גרעסטער מאס־מיטינג זינט די שטעדטעל עקזיסטירט, און דער מיטינג האט אויפגערודערט די גאנצע געגענד.

א פאר קלאוק־מאנופעקטשורערס פון פילאדעלפיא, וואס ווילען זיך ארויסדרעהען פון די יוניאן־קאנדישאנס, האבען געפרואווט זיך באזעצען אין יענער שטעדטעל. אבער די יוניאן לאזט זיי ניט רוהען.

דער מיטינג איז גערופען געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דעם „סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל” פון אלענטאון, צו באקאנט מאכען פאר דער באפעלקערונג וועגען די קאמפען פון אונזער אינטערנעשאנאל געגען דעם „אפען שאפ” און געגען שטיק־ארבייט.

ברודער ב. מאזער, דער סעקרעטער פון דעם „טריידס קאונסיל”, איז געווען דער טשערמאן פון דעם מיטינג.

די רעדנער זיינען געווען: אב. טרכים, אונזער פאבליקיישאן מענעדזשער; רושיוס מאורער, דער פרעזידענט פון דער פענסילווייניא סטייט פעדערישאן; פאולין ניומאן, פרעזידענט פון דער וואמענס טרייד יוניאן ליג, און נאך אנדערע.

דער מיטינג וועט מאכען, אז אלענטאון זאל ניט קענען ווערען קיין סקעבנעסט פון די נאדעל־טריידס.

דער וויסט און דרעס סטרייק אין פילאדעלפיא.

דער וויסט און דרעס סטרייק אין פילאדעלפיא ייערט גאנץ ענערגיש ווייטער אנגעפיהרט און די פאר'עקשנ'טע באסעס וועלען סוף כל סוף מוזען סעטלען מיט דער יוניאן.

ברודער ע. רייזבערג, דער פיהרער פון דעם וויסט און דרעס סטרייק אין פילאדעלפיא, איז די טעג געווען אין ניו יארק, אין די אינטערעסען פון דעם סטרייק. ווי ברודער רייזבערג גיט אונז איבער, זיינען די סטרייקער פעסט ענטשלאסען ווייטער אנצופיהרען דעם קאמף, ווי לאנג דאס זאל ניט דארפען געדויערען. דער גייסט פון די בראווע סטרייקער איז ווירקליך צו באוואונדערען, און עס ווערט באוואונדערט פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט נים די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף נים האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם” פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשילדרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אירגענר וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער

פאָרד'ס גליקען :: ::

פון ה. באַראַדיין

ווי אזוי הענרי פארד האט געמאכט זיינע מיליאָנען צאָלענדיג זיינע ארבייטער כמעט דאָפּעלטע ווידזשעס

1.

ניט לאנג צוריק איז אין די צייטונגען ערשינען די סענסאַציאָנעלע נייעס, אז הענרי פארד האט א נייעם פּלאן ווי אזוי אפּצושטעלען מלחמות אויף דער וועלט, און א כלל דארף מען האבען, אז אויב מ'ה. פארד טרעט אויף דאָס ניי אַרויס מיט אן ערקלעהרונג, אז ער געהט באַגליקען די מענשהייט, איז דאָס אליין שוין דער בעסטער סימן, אז עס שטעהט איהם פאר א נייער פאַרדינסטעל, אז ער וועהט פאר זיך א נייעם קוואל פון פּראָפיטען און רייכקייט. און אזוי, ועהט עס טאקע אויס צו זיין אויך היינטיגס מאָל. ווען מען לעזט איבער די נייעס אונטער דעם שרייענדען קעפּעל, דערוויסט מען זיך, אז מר. פארד האַלט אין אריבערנעמען אין ארענדע פון דער רעגירונג די באַרימט געוואָרענע „מאַסל שאָאַלס". וואס די „מאַסל שאָאַלס" איז אזוינס און וואס פאר א פּאָטענציעלער קוואל פון אומגעהויערער רייכקייט עס שטעלט מיט זיך פאָר, איבערהויפּט ווען עס וועט אריינפאלען אין די הענט פון אזא פערזענליכקייט ווי הענרי פארד מיט זיינע אויסערגעוועהנליכע געלדמאכערישע פעהיגקייטען — וועגען דעם וועלען מיר רעדען אין דעם נעקסטען ארטיקעל. דא וועלען מיר רעדען וועגען אַן אנדער זייט פון פארד'ס טעטיגקייט.

דאס איז שוין ניט דאס ערשטע מאָל, וואס הענרי פארד טרעט ארויס מיט אן ערקלעהרונג, אז ער געהט באַגליקען די וועלט אויף איינעם אדער א צווייטען אופן, אבער געוועהנליך ענדיגט עס זיך דערמיט, וואס די וועלט ווערט פון איהם ניט גליקליך, דערפאר אבער ווערט ער אליין אלץ רייכער און אלץ מעהר פּאָפּולער און באַרימט.

דאס ערשטע מאָל האט ער זיך באַרימט געמאכט מיט דעם, וואס ער האט אנגעהויבען צאָלען זיינע ארבייטער אויסערגעוועהנליך הויכע ווידזשעס. אין דער צייט, ווען די ווידזשעס פון א געוויסען מין ארבייטער זיינען געווען פון 2 ביז 4 דאָלער א טאג, האט ער געצאָלט 5 דאָל. א טאג, און שלעכטען גלייך. א חוץ דעם האט ער געשאַפען פאר זיינע ארבייטער א גאַנצע רייה פון אנדערע באַקוועמליכקייטען און פאַרבעסערונגען. ער האט, צ. ב. ש., געהאָלפען זיינע ארבייטער איינקויפען אדער קויפען פאר זיך אייגענע וואוינונגען; געהאָלפען זיי קויפען פאַרשידענע נויטיגע זאכען פאר ביליגערע פרייזען, א. א. וו. דאס אלעס האט אין יענער צייט אנגעמאכט א גוואַלדיגע סענסאַציע. מען האט פארד'ן אנגעהויבען באַטראַכטען אלס א גרויסען ליבעראַל, אלס א מענש, וועלכען די אינטערעסען פון די ארבייטער זיינען ניט ווייניגער, אויב ניט מעהר, וויכטיג, ווי זיינע אייגענע. ביסלעכווייז אבער האט מען זיך ארומגעקוקט און מען האט פאַרשטאַנען דעם קונץ.

און דער קונץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואס פארד איז געווען איינער פון די ערשטע איינצופיהרען ביי זיך די דאָמאָלסט פאַרהעלטנישמעסיג נייע סיסטעם פון „עפישענסי". די סיסטעם פון פאַנאַנדערטיילונג די ארבייט איז אין זיינע פאַבריקען דערפיהרט געוואָרען צו אן עקסטרים. יעדער קלענסטער טייל פון דער ארבייט איז ערפילט געוואָרען פון אן אנדער ארבייטער. מיט דעם זיינען דערגרייכט געוואָרען פאַרשידענע צילען;

ערשטענס, האט די ערפאַהרונג באַוויזען, אז וואס מעהר די ארבייט איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען, אלץ מעהר פּראָדוקטען ווערען געשאַפען פאר דער זעלבער צייט און פון די זעלבע צאָל ארבייטער. אין די אינדוסטריען פון פאַרטיגע קליידער איז עס שוין לאנג איינגעפיהרט געוואָרען, און די ארבייטער פון אַם די אינדוסטריען זיינען שוין לאנג מיט דעם באַקאַנט. נאָר מיט יאָהרען צוריק זיינען געווען באַזונדערע ארבייטער אנצונעהען די קנעפּ. אבער דא איז פאַראַן אן אונטערשייד. א פאַרטיגער בגד איז ווייט ניט אזא קאָמפּליצירטער פּראָדוקט, ווי א מאַשין. כדי א מאַשין זאָל ארבייטען צופרידענשטעלענד איז נויטיג אז צווישען זיינע טיילען זאָל הערשען די גרעסטע מעגליכסטע האַרמאָניע. איין אבטייל פון אן אינטש קאָן זיין די גרעסטע פּינקטליכקייט, וואס איז נויטיג אפּצוהיטען און צוזאַמענשטעלען די טיילען פון א פאַרטיגען בגד; און די פּונקטליכקייט אין צוזאַמענשטעלען די טיילען פון א מאַשין קאָן אמאָל דערגרייכען ביז צו א טויזענטעל פון אן אינטש, און א מאָהל מעהר. און ווייטער — אין צוזאַמענשטעלען די טיילען פון א מאַשין און אין צונויפשטעלען די טיילען פון א מאַשין איז אמאָל נויטיג אנצואווענדען א באַזונדער איינפאל, פּריוואַטע איניציאַטיוו, פערזענליכע ערפאַרונג. און דעריבער איז נויטיג, אז א מאַשיניסט, א מעכאַניקער זאָל זיין גרינדליכער באַקאַנט מיט אלע טיילען פון דער מאַשין און זאָל האבען א ברייטערע ערפאַהרונג אין מאַשינען אין אלגעמיין, ווי ס'איז נויטיג צו מאכען יענע טיילען, אויף וועלכע מען האט איהם געשטעלט. און דעריבער האט אין דער מעכאַנישער אינדוסטריע ניט געקאָנט איינגעפיהרט ווערען אזא ברייטע פאַנאַנדערטיילונג פון ארבייט, ווי עס האט געהערשט, מיר וועלען זאגען, אין דער נאָדעל אינדוסטריע.

הענרי פארד איז געווען דער ערשטער, ווער עס האט דערפיהרט די פאַנאַנדערטיילונג פון מעכאַנישע ארבייט צו אזא עקסטרים. און ארבייטער, וואס האט ביי איהם געארבייט, האט ניט געהאט און ניט געדאַרפט האבען אן אהנונג אין די איבעריגע טיילען פון דער זעלבער ארבייט, א חוץ יענער ספּעציפישער ארבייט, צו וועלכער ער איז געשטעלט געוואָרען. און אַם די פאַנאַנדערטיילונג פון ארבייט האט געגעבען די גרעסטע פּראָדוקטיוויטעט; די זעלבע צאָל מענשען האבען פאר דער זעלבער צייט געשאַפען מעהר פּראָדוקטען.

דער צווייטער ציל, וואס איז דערביי דערגרייכט געוואָרען, איז געווען, וואס יעדער ארבייטער, איינגעבענדיג זיך אין דער זעלבער ארבייט פאר א לענגערער צייט, האט אַם דעם טייל פון דער ארבייט ערפילט מיט דער גרעסטער פּאָלקאָמענהייט און פאר דער קלענסטער צייט. און דאס מיינט ווידער אן עקאָנאָמיע אין צייט און אין אויסגאַבען.

אבער וויכטיגער ווי די פאַנאַנדערטיילונג פון דער ארבייט איז געווען אן אנדער טייל פון „עפישענסי", וואס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין פארד'ס פאַבריקען. עס איז דאָרטען געווען איינגעפיהרט אזא אָרדנונג, אז קיין איין באַוועגונג פון דעם ארבייטער, קיין איין סעקונדע פון זיין צייט האט ניט געטאָרט געהן פאַרלאָרען. ערגעץ אין די אָפּיסעס זיינען געזעסען געלערנטע ספּעציאַליסטען, „עפישענסי" עקספּערטען, און האָבען מיט א פולער מאַטעמאַטישער פּונקטליכקייט אויסגערעכענט, וויפיל באַוועגונגען עס איז נויטיג צו מאכען כדי צו ערפילען א געוויסען טייל ארבייט און וויפיל סעקונדען עס דאַרף געדויערען. און פונקט אזוי פיל סעקונדען האט דער ארבייטער געדאַרפט אויסגעבען און פּונקט אזוי פיל באַוועגונגען האט ער געדאַרפט מאכען כדי צו ערפילען די באַשטימטע שטיקעל ארבייט. נאָר ליידער. עס איז אויסגערעכנט געוואָרען אזוי, אז דער ארבייטער האט זיך ניט געטאָרט אײלען; ער האט ניט געטאָרט פּאַמעלען זיינע באַוועגונגען צו גיך, כדי ער זאָל זיך ניט מיסטרענגען, אנדערש ווערט ער באַלד צומיד, און אין א שפּעטערע ארום וועט זיין ארבייט צו נאַכלעסיג זיין. אבער פון די נאָרמאַלע באַוועגונגען זיינע האט קיין איינע ניט געטאָרט פאַרלאָרען געהן. קיין פאָרמאַן איז איבער דעם ארבייטער ניט געשטאַנען און האט איהם מיט קיין בייטש ניט געטריבען. נאָר די סיסטעם אליין, דער אָרדנונג אליין האט איהם געטריבען, ווייל איין ארבייטער פאַרשפּעטיגען מיט זיין ארבייט מיט א פּאָר סעקונדען, וועט ער פאַרהאַלטען די ארבייטער פון זיינע ביידע זייטען; עס ווערען זיך ביי איהם אָנזאַמלען עטליכע טיילען, וואס זיינען געקומען פון דער רעכטער זייט, און דער ארבייטער פון דער לינקער זייט וועט שטעהן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטען. דאס וועט זיך וואַרפען אין די אויגען און עס וועט דעם ארבייטער ניט אנשטעהן. און דעריבער וועהט מען צו ערפילען די ארבייט פּינקטליך אין צייט, און מען וועהט, אז קיין איין סעקונדע זאל ניט פאַרלאָרען געהן.

יעדער טרייד האט זיך זיין באַזונדער כאַראַקטעריסטישען גייסט און זיינע טראַדיציעס. דער אָרדנונג, וואס איז געווען איינגעפיהרט אין פארד'ס פאַבריקען, איז געווען געגען דעם גייסט און געגען דער טראַדיציע פון דעם מעכאַנישען טרייד. אפילו אין ווינער'ס פאַבריקען (פון די נעה מאַשינען), וואו די פאַנאַנדערטיילונג פון ארבייט און „עפישענסי" זיינען געבראַכט געוואָרען צו א הויכער שטופע, האט מען פון אַזעלכע זאכען ניט געוואוסט, ווי ביי פארד'ען. אין פארד'ס פאַבריקען זיינען די ארבייטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין לעבעדיגע אויטאָמאַטען, און עס האט ביי זיי אויסגעריבט יעדע איניציאַטיווע, יעדען אינדיווידועלען אויסדרוק. דער פּאַרטנער פון שאַפען נייע זאכען, וואס ליגט אין גרונד פון פילע אינדוסטריען און וואס איז איבערהויפּט שטארק ענטוויקעלט ביי מאַשיניסטען, איז ביי זיי אינגאַנצען אויסגעריבט געוואָרען. געבליבען איז נאָר די אויסערליכע מעכאַנישע אַטמאָספערע, דער גערויש פון די מאַשינען, די לאנגע רימענע פּאַסען, וואס וואַרפען זיך אין דער לופט און דרעהען די רעדער, דער קלאַנג און בראַזג פון די מעטאַלען, די אנגעוואַרפענע בערג פון טיילען פון מאַשינען, דער איינגעאָרדענטער גערוך פון שמיראָיל און אייזען שטויב, וואס איז אזוי ליב און טייער יעדען אמת'ען מאַשיניסט און וואס האט פילע פילע מענער געמאכט פאר מאַשיניסטען.

אבער ערפילענדיג אייביג און שטענדיג איין און די זעלבע ארבייט, אהן דער קלענסטער וואַריאַציע, אהן דער קלענסטער ענדערונג, און אזוי אויטאָמאַטיש, אהן נשמה, אהן יעדען פונק פון רייץ, האט ביי די ארבייטער אויסגעריבט יעדען אינטערעס צו דער ארבייט. פאר אזא ארבייט וואלט פארד קיין סך ארבייטער ניט געקאָנט געפינען, א חוץ א באַגרענעצטע צאָל לא־יוצלח'ס. אבער די 5 דאָלאר א טאג האבען די ארבייטער געצוינגען צו זיינע פאַבריקען, ווי א מאַגנעט. און דאס איינער געקראָגען ביי איהם א דזשאָב, האט ער זיך געהאַלטען, ווייל פאר זיינע אויגען זיינען מיט ריזיגע בוכשטאַבען געשטאַנען די „פינף דאָלאר א טאג". דאס האט די ארבייטער צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער, ווי מיט אײזערנע קייטען.

צו די פינף דאָלאר א טאג האט פארד ניט דערלייגט, אפילו ווען מען זאָל אננעמען, אז די דורכשניטליכע פאַרדינסטען פון אַם דעם סאָרט ארבייטער אין אנדערע פאַבריקען זיינען געווען דריי דאָלאר א טאג. ווען מען וואָלט גענומען טויזענט ארבייטער פון אנדערע מעכאַנישע פאַבריקען, וועמעס פאַרדינסטען זיינען אין דורכשניט געווען דריי דאָלאר א טאג, און אויסרעכענען וויפיל סעקונדען פון פּאַקטישע פּראָדוקטיווע ארבייט זיי גיבען אוועק פאר יעדע פעני, וואס זיי קריגען, וואָלט זיך דאן אַרויסגעוויזען, אז פאר זיינע פינף דאָלאר א טאג האט פארד געקראָגען ניט ווייניגער, אויב ניט מעהר, פּראָדוקטיווע ארבייט, ווי אנדערע פאר זייערע דריי דאָלאר א טאג.

דורך דער סיסטעם פון פאַנאַנדערטיילונג פון ארבייט, וואס עס האט געהערשט אין זיינע פאַבריקען, האט פארד דערגרייכט נאָך א וויכטיגען צוועק: ער איז ניט געווען אפּהיינגיג פון דעם מרי־ת. ער האט זיך ניט געזייטיגט אין ערפאַהרענע מאַשיניסטען און זיינע מעכאַנישע פאַבריקען. מען האט איינגענומען יעדען איינעם, ווער עס איז נאָר געקומען, מען האט איהם אויסגעלערנט ביי א געוויסער ארבייט, מען האט איהם געזאָגט, וואס איז צו טאָן, און דער מאַן איז געוואָרען אן ארבייטער. פון אנפאַנג האט ער ניט אזוי ערפילט זיין ארבייט, אבער אין עטליכע טעג צייט האט ער זיך צוגעוואוינט, און די ארבייט איז געגאַנגען ווי געשמירט. קיין רעכנונג אדער ערפאַהרונג האט זיך ניט געפאָדערט, און עטליכע טעג ערפאַהרונג זיינען געווען גענוג. און האט מען איינעם אויסגעלערנט צו דער ארבייט, אין ער געוואָרען די צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ, ווי לאנג ער וועט דאָרטען ניט דאַרפען געארבייט, אפילו יאָהרען, איז ער דאך קיין בעסערער מאַשיניסט ניט געוואָרען, און דעריבער ניט געקאָנט געהן זוכען די זעלבע ארבייט אין אן אנדער פאַבריק. און די פינף דאָלאר א טאג האבען איהם גענומען א מעגליכקייט צו מאכען א בעסערען לעבען, ווי ער וואָלט געמאַכט אין אן אנדער פּלאַץ אדער ביי אן אנדער ארבייט. אזא פּלאַץ פאַרלאָזט מען ניט פרייוויליג. אזא ארבייטער דאַרף ניט באַזאָרגען צו א יוניאָן און אזא ארבייטער וועט ניט געהן סטרייקען, ווייל, ערשטענס, האט ער ניט פאר וואס צו סטרייקען, און, צווייטענס, וועט ער ניט וועלען ריזיקירען מיט זיין פּלאַץ.

צאָהלענדיג פינף דאָלאר א טאג זיינע ארבייטער האט פארד דערגרייכט פאַרשידענע רעזולטאַטען.

ערשטענס, האט ער די אייגענע ניט איבערגעצאָהלט אין פאַרגלייך מיט די איבעריגע פאַבריקען. פאר זיינע פינף דאָלאר א טאג האט ער גענומען ניט ווייניגער, אויב ניט מעהר ארבייט, וויפיל עס איז געווען ווערט לויט די פּרייזען פון אזא ארבייט, וואס האט עקזיסטירט אין יענער צייט. צווייטענס האט ער געוואונען א גוואַלדיגען נאָמען אלס א מענשען־פריינד און ארבייטער־פריינד און אן אינגעהייערע פּאָפּולאַריטעט. אנדערע פאַבריקאַנטען קאָסט אַם הונדערטער און טויזענטער דאָלאר און קאָנען זיך ניט אזוי ברייט אַדווערטייזען, ווי פארד האט זיך אַדווערטייזט מיט זיינע פינף דאָלאר א טאג. און, דריטענס, האט ער צוגעשמידט די ארבייטער צו זייערע פּלעצער ווי מיט קייטען. און האט זיך באַפרייט פון סטרייקס און אנדערע ארבייטער אומרוהען, וואס קאָסטען אַם אנדערע פאַבריקאַנטען אזוי טייער. דאס איז אויך א גוואַלדיגע עקאָנאָמיע.

די סיסטעם פון „עפישענסי", וואס פארד האט ביי זיך איינגעפיהרט, האט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו פּראָדוצירען די זעלבע מאַשינען ביליגער, ווי אנדערע פאַבריקען. און דא ציהט זיך אויס א לאנגע קייט, וואו איין רינג ציהט אויטאָמאַטיש דעם צווייטען. דערפאַר, ווייל ער האט פּראָדוצירט זיינע מאַשינען ביליגער, האט עס איהם געגעבען א מעגליכקייט צו פאַרקויפען זיינע מאַשינען ביליגער ווי אנדערע. ווייל ער האט זיינע מאַשינען פאַרקויפט ביליגער, האט ער געשאַפען א גרעסערע נאָכפראַגע אויף זיינע מאַשינען און ער האט זיי פּראָדוצירט אין גרעסערע קוואַנטיטעטען. ווייל ער האט זיי פּראָדוצירט אין גרעסערע קוואַנטיטעטען, האט ער געקויפט גרעסערע פּאַרטיעס רויהע מאַטעריאַלען, און דעריבער האבען איהם די רויהע מאַטעריאַלען געקאָסט ביליגער ווי אנדערע. ווייל ער האט די רויהע מאַטעריאַלען געקראָגען ביליגער, האט ער געקאָנט פאַרקויפען זיינע מאַשינען נאָך ביליגער, און דעריבער מאַכען נאָך מעהר מאַשינען, און דעריבער קויפען רויהע מאַטעריאַלען אין נאָך גרעסערע פּאַרטיעס און נאָך ביליגער, א. א. וו. און די אונטערשטע שורה איז די: פון דער צייט אן, וואס מר. פארד האט אנגעהויבען צאָלען זיינע ארבייטער אזעלכע „הויכע" פּרייזען, האט ער אנגעהויבען וואַקסען און וואַקסען אין רייכקייט און פּאָפּולאַריטעט. מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז מיט זיינע פינף דאָלאר א טאג האט ער געמאכט גליקליך ניט די וועלט, נאָר זיך.

דאס אלעס וואָלט אונז איינענטליך געדאַרפט זיין גאַנץ וועניג נוגע. פארד איז זעהר א פעהיגער געשעפטסמאַן, מיט א ווייטזעהענדיגען בליק, מיט פּראָגרעסיווע, אין דעם אינדוסטריעלען זין, אידעען, און לויט די הערשענדע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קאָמערציעלע באַגריפען האט ער כשר פאַרדינט דעם ערפאָלג, וועלכען ער האט דערגרייכט. אבער וואס עס איז אונז יא נוגע, איז צו האבען א ניכטערען בליק אויף דער זאַך. מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אז אזעלכע פערזאָנען, ווי פארד מיט זייערע אויסערגעוועהנליכע ביזנעס־פעהיגקייטען און מיט זייערע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען זיך קונציג צו אַדווערטייזען, זאָלען אונז פאַרבלענדען

(שלוס אויף זייט 12)

טונג צוליב דער גרויסער, אונאויפהערליכער בילדונגס־ און אויפקלעהרונגס־ארבייט, וואס ווערט אויפגעטאָן. עס געהט ניט פאַראיבער א טאג, ווען עס זאלען ניט ווערען אפּגעהאַלטען פילע מיטינגען, וואו טויזענדע און טויזענדע מענשען הערען פאַרשיידענע רעדנער דיסקוטירענדיג פריהער פון אלץ די פראַגען פון דעם קלאָוקמאַכער־קאַמף, און דאן די ברייטערע פראַגען פון דער ארבייטער־באַוועגונג אין אלגעמיין.

און די פראַגען פון דעם איצטיגען קאַמף זיינען זעהר שווערע, וועלכע מען קען ניט און מען טאָר ניט אפּפּטר'ן מיט א קלייניגקייט פּראַזע. און זיי ווערען דיסקוטירט זעהר גרינדליך — נאָך קיינמאָל האבען די קלאָוקמאַכער ניט געהאט אזא געלעגענהייט זיך אריינצוטראַכטען אין דעם כאַראַקטער פון דער קלאָוק־אינדוסטריע ווי איצט. און מיר ווייסען, אז די פראַגען ווערען דיסקוטירט. זיי ווערען דיסקוטירט אויף די מיטינגען פון דער עקזעקוטיוו סטרייק־קאָמיטע, פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע, פון די פאַרשיידענע יוניאָן־עקזעקוטיוועס און פון דעם גרויסען קלאָוקמאַכער־עולם אין אלגעמיין. וואו איהר וועט זיך קעהרען און ווענדען צווישען די קלאָוקמאַכער, וועט איהר איבעראַל הערען א גאַנץ טיפע, דורכגעטראַכטע דיסקוסיע. אין דעם זין האט דער סטרייק ווירקליך אויסגעטאָן וואונדער. ער האט געמאכט גאָר פילע מענשען צו פאַרטראַכטען זיך איבער גאַנץ וויכטיגע פראַגען, צו וועלכע זיי זיינען ביז איצט געווען גאַנץ גלייכגילטיג. דאס איז, לויט אונזער מיינונג, איינע פון די גרעסטע געווינסען פון דעם סטרייק. די קלאָוקמאַכער יוניאָן וועט, אפשר, נאָך דעם קאַמף, זיין גאַנץ ארעם אין געלד, אבער דאס רייכער וועט זי זיין אין גייסט, און דאס איז א זאַך וואס טאָר ניט אונטערשעצט ווערען, ווען מען באַטראַכט די אויסטאָגונגען און ווירקונגען פון דעם איצטיגען קאַמף אויף די צעהנדליגע טויזענדע, וועלכע באַטייליגען זיך אין איהם.

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. IV. No. 2. — New York, Friday, Jan. 13, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

דער אינדזשאנקשאן פון דער „אמעריקען" געגען דער קלאוקמאכער יוניאן.

איצט איז כשורה, אפילו די נייעסטע פאזע אין דעם קלאוקמאכער סטרייק, דער אינדזשאנקשאן פון די קלאוק־קאנטראקטארס געגען דער יוניאן, וואס דאס איז דאך געוויס ניט אן אויפטו, וואס קען איבעררעשען ווערען צום קרעדיט פון דער אינטערנעשאנאל, פאסט זי זיך אבער אריין אזוי אין דער גאנצער טעטיגקייט פון דעם גרויסען קלאוקמאכער־סטרייק און זיין פירונג, אז עס באקומט זיך דער איינדרוק, אזוי ווי די יוניאן פיהרערשאפט אליין וואלט עס געפלאנירעט.

דער פאקט איז אז אין די לעצטע פאר־גאנגען פון דעם באלד ניין־וואכיגען סטרייק האט זיך געפיהלט אביסעל לאנגווייליג. דער סטרייק האט אויפגעהערט צו זיין די פונקציע פון טאן; ער איז ארונטער פון די ערשטע פיידזשעס פון דער טעגליכער פרעסע, און אונזערע סטרייק־פיהרער האבען אומזיסט געמאטערט זייערע מוחות, וואס צו טאן, אום ווידער אמאל אינטערעסירען א ביסעל די עפענטליכע מיינונג. אמת, די ארבייטער סטרייקען, און אזוי גוט, אזוי שטארק, אז די שעפער, וועלכע האבען מיט דער יוניאן ניט געסעטעלט, פיסטעווען נאך אלץ, ווי אין דעם ערשטען טאג, ווען דער סטרייק איז ערקלערט געווארען. אבער טאקע ווייל דער סטרייק איז פון אזא גבורה, דעריבער איז ער אויך אזא שטילער. אין די צייטונגען מיט זייער בלאסטען ווילען האבען ניט געהאט וואס מעהר צו דערצעהלען וועגען דעם קאמף, ווייל מאל די צייטונגס־שרייבער האבען עס באלאגערט דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, אים צו קריגען כאטש א דעק „נייעס", אבער פרעזידענט שלעזינגער, מיט זיין גרעסטער פריינדשאפט צו די רעפארטערס, האט זיי געמוזט ענטפערען: „נאטהינג דואינג". עס איז געווארען אזוי שטיל אין דער פרעסע, אז איינער פון אונזערע לייט האט פארגעשלאגען צו מאכען אויף שפאס א פאר פייטס מיט כלומרשט־דיגע סקעבס ארום א פאר האקי־שעפער, און לאזען די צייטונגען האבען „אינטערעסאנטע" רעזו־שטאט.

ווי דער סטרייק, דורך זיין גרויסער ווירקזאמקייט און דורך זיין איבערלעגנטקייט און דורך דעם, וואס די ארבייטער אליין פארשטעהען צו האלטען זיך אזוי טאקטפול, אזוי ווי זיי וואלטען געווען ווי געבארען צום קאמף, איז געווארען פאר דער אויסזיידיגער וועלט א ביסעל לאנגווייליג. וואס איז עס פאר א סטרייק, וואו א פאר גרינשען יונגיסטענס ווערען ניט צושלאגען, ארעסטירט יעדען טאג? וואס איז עס פאר א סטרייק, אין וועלכען מען אפעלירט ניט צום פובליקום ניט נאך הילף, און אפילו ניט נאך סימפאטיע, כאטש דער קאמף געהט שוין אן ניין וואכען? איז אונזער פיהרערשאפט געווען ווידער אביסעל פארזארגט, ווי מאכט מען דיזע סטרייק א ביסעל אינטערעסאנטער? קומט הכדה קלאוק־קאנטראקטארס, וועלכע רופען זיך מיט דעם הויך־קלינגענדען נאמען „די אמעריקען קלאוקס, סוט ענד סקירט מאנופעקטשורערס אסס'ן" און מאכט אונזער סטרייק נאך אמאל דאס ניי אינטערעסאנט. זי פארלאנגט אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן, ווייל די יוניאן זאל האבען [illegible] געבראכען איהר קאנטראקט מיט איהר — דאס מען נאך האבען א רעד־בלאדיגער אישיו!

די גאנצע געשיכטע איז פיל מיט העכסט שפאסיגע מאמענטען, וועלכע וואלטען זיי געפאסט אייגענטליך פאר א פאר גוטע פעליעטאנען. נאר מיר וועלען זיי אנטאן דעם עקסטרא כבוד און באהאנדלען זיי עדיטאריעל.

צוערשט דארף אנגעוויזען ווערען אויף דעם מערקווירדיגען פאקט, דאס ביז איצט האבען די דאזיגע קאנטראקטארלאך [illegible] איינצוזעהען דעם מינדעסטען קאמף געגען דער יוניאן. ווייל, ווער זיינען זיי טאקע אין דער אמת'ען? דער קאנטראקטאר — דאס איז דאך א מין [illegible], א מין פארועהעניש פון אונזער איצטיגער ארדנונג. דער באס, דער בעה"ב, וועלכען עס האט שוין דערעסען צו האלטען אין איין פייטען זיך מיט די ארבייטער, קלייבט אויס פון צווישען די ארבייטער די סאמע ערגסטע, די סאמע פארלע, די, ביי וועלכע דער געפיהל פון זעלבסטאכטונג איז נאך גאנץ ווייניג אנטוויקעלט. דערפאר אבער איז זייער חשק צום סענט אונגעהויער גרויס, און מאכט זיי פאר זיינע ווערקצייג; נעהט, פייט זיך איהר מיט די ארבייטער, און דערפאר וועט איהר קריגען אן עקסטרא ביינדעל צוגעווארפען. דאס איז אין קורצען די כאראקטעריסטיק פון יעדען קאנטראקטאר, נאטירליך, מיט אויסנאהמען, אין דער קלאוק־אינדוסטריע. אויב דער מאנופעקטשורער אליין שטעהט אויף א זעהר נידריגער שטופע פון קולטור, פון בילדונג, פון אמת־מענשליכען דענקען און פיהלען, קענט איהר זיך שוין פארשטעלען, וואס פאר א פארט בריאה דאס איז זיין משרת, זיין ווערקצייג, דער קאנטראקטאר. דארט, וואו דער מאנופעקטשורער קוואפעט זיך אויף א דאלאר, דארט מוז דער קאנטראקטאר זיך קוואפען אויף א סענט. און דערפאר איז דער דאזיגער קאנטראקטאר אימער געווען פאר דער יוניאן א נגע צרעת, פון וועלכען זי האט אימער געזוכט וועגען און מיטלען, ווי פטור צו ווערען. אבער אזוי ווי ביז איצט האט עס די יוניאן ניט געקאנט אויספיהרען, האט זי געטאן אלעס מעגליכע, ווי צו מאכען אט די דאזיגע קלאוקמאכער־מכה אביסעל ערטרעגליכער, אביסעל ווייניגער שעדליך. אזוי האט די יוניאן פאר א לאנגער צייט געדרונגען פארהאנדעלט מיט די דאזיגע [illegible]־מאנופעקטשורערס. דער גרויסער מאנופעקטשורער האט געמוזט ערב זיין פאר די ווירדושעס פון די ארבייטער, וועלכעס שיקזאל עס איז געווען צו ארבייטען אונטער אזעלכע באסעס; פאר די [illegible] און פאר אלע אנדערע יוניאן־באדינגונגען; אין דער לעצטער צייט האט די יוניאן געמאכט א פראבע אריינצוטרעטען אין דירעקטע פארהאנדלונגען מיט דעם פארט מאנופעקטשורער, אין דעם גלויבען, אפשר וועלען זיי אונטער דעם איינפלוס פון דער יוניאן זיך אביסעל אויסמענשלען.

און די יוניאן האט זיי ביסלאכווייז, ביסלאכווייז אויסגעמוסטערט, אויף וויפיל דאס איז, נאטירליך, מעגליך אויסצופיהרען מיט אזא מענשען־מאטעריאל. דערפאר האט די יוניאן ווירקליך גארניט גערעכענט, אז זי וועט האבען פון זיי דעם מינדעסטען טראבעל אין דעם איצטיגען קאמף. די יוניאן האט ערווארטעט, אז פילע פון זיי וועלען גלייך דערקלעהרען זייער באריטוויליגקייט, אז די ארבייטער זאלען ארבייטען אויף די אלטע באדינגונגען, נאר דערביי זיך פארפליכטען ניט צו מאכען קיין ארבייט פון די שעפער, וואו די יוניאן סטרייקט. האבען זיי עס אבער ניט געטאן? זיי האבען זיך פארגעסען, ווער זיי זיינען אין דער אמת'ען, און האבען אנגעהויבען זיך בלאזען, ווי דער פראש אין דער באקאנטער פאבעל. נאטירליך, איז די יוניאן ניט געגאנגען צו זיי זיך בעטען סעטלען. איז אט נאך דעם, ווי דער סטרייק האט אנגעהאלטען 8 וואכען, און דער עולם האט נאר פארגעסען, אז עס איז דא אזא נפש, ווי דער קאנטראקטאר, און אזא קלאוק און סוט אסס'ן, ווי די „אמעריקען", קומען זיי איצט און פארלאנגען דורך קאורט אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן! בנאמנות, עס איז צום לאכען, ווען איינער וויים און קען, ווער דאס איז אט די „אמעריקען".

איז טאקע דא א גרויסע סברא, אז דאס איז באמת נארנים די ארבייט פון דער „אמעריקען"; אז אויף דעם באפעהל דער פראטעקטיוו שארט זי עס ארויס פאר זיי די קאשטאנעס פון פייער. אזוי ווי די „פראטעקטיוו" אליין נעבאך קען ניט ארויסנעהמען קיין אינדזשאנקשאן געגען די ארבייטער, ווייל דער אינדזשאנקשאן־שווינדעל העננט איבער איהר איינגענעם קאפּ, האט זי דאס ארויסגעשטעלט די „אמעריקען", אז זי זאל עס טאן פאר זיי אט די דאזיגע ארבייט. מיר וועלען ניט זאגען, אז מיר זיינען זיכער אין דעם, [illegible] בען מיר ניט, אבער, ווער עס קען די „אמעריקען", וועט איינשטימען מיט אונז, אז דיזע השערה לענט זיך זעהר שטארק אויפ'ן שכל און קלינגט פיל, פיל מעהר, ווי בלויז ווארשיינליך. ווארים פאר די הארט מאנופעקטשורערס און זייערע לאיערס, מיט מר. שטויער אן דער שפיצע, איז די גאנצע צייט געשטאנען די שווערע פראגע; ווי קען מען דאך דער יוניאן, דער אינטערנעשאנאל, אביסעל ארונטערשניידען די פליגלען; חברה ארבייטער פליהען אזוי הויך, אזוי שטאלץ, אז עס איז גארניט צו ריידען מיט זיי. מוז מען דאך איינמאל עפעס אויסלערנען. וואס זאל חברה א ביסעלע אנטמוטיגען, וואס זאל זיי מאכען א ביסעלע ווייכער. דאס איז געווען די פראבלעם, וואס האט געמאטערט די גרויסע מוחות פון די מאנופעקטשורערס און זייערע לאיערס, ביז זיי האבען געפונען די פאלגענדע לייזונג: מען דארף געגען דער יוניאן ארויסנעהמען אן אינדזשאנקשאן. אי, די „פראטעקטיוו" קען דאס ניט, איז דער גייל געפאלען אויף דער „אמעריקען". ביי איהר פרעגט מען דאך ניט. איהר הייסט מען, און זי טוט, וואס מען הייסט. א ברירה האט זי?

און ווען דיזע פראגע איז שוין פארענטפערט געווארען, איז באלד ענטשטאנען אן אנדער פראגע: וועלכער ניו יארקער דזשאדזש, וועלכער וויים די גלאררייכע געשיכטע פון דעם קאמף פון דער אינטערנעשאנאל געגען די באסעס; וועלכער וויים, ווי שטארק און גרויס עס איז די גאנצע עפענטליכע מיינונג פאר דער יוניאן און געגען די באסעס; וועלכער ניו יארקער דזשאדזש, וואס וויים די טרויעריגע ראליע, וואס די „אמעריקען" שפילט אין דער קלאוק־אינדוסטריע, וועט ארויסגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער העלדישער קלאוקמאכער יוניאן, וועלכע איז איצט באמת געליבט און געאכט פון גאנץ ניו יארק? די פראגע, ווי עס שיינט, האט געמאטערט די קלאוקמאנופעקטשורערס און זייער לאיער די גאנצע צייט, ביז מר. שטויער האט דערטאפט א דזשאדזש פון אויסער ניו יארק, א דזשאדזש, וועלכער איז נאר א תושב פון באפאלא, און קומט נאר אהער פון צייט צו צייט, אום זו „זיצען", אלס דזשאדזש. איז ביי אזא דזשאדזש וועט מען אפשר פועל'ען, וואס מען וואלט בשום אופן ניט געקענט ביי איינעם, וואס וויים אלע אומשטענדען פון דעם איצטיגען סטרייק. דעם דאזיגען דזשאדזש פון באפאלא האט מען די לאיערס ערקלעהרט, אז די „אמעריקען אסס'ן" רעפרעזענטירט אן איינגעלעגטען קאפיטאל פון גאנצע צעהן מיליאן דאלאר; אז זיי מאכען יעהרליך קלאוקס אין דעם ווערט פון 200 מיליאן; אז דער סטרייק קאסט זיי דריי הונדערט טויזענד דאלאר א „אווערהעד"־פארלוסט, און פיר מיליאן דאלאר אין ביזנעס; און, נאטירליך, אז דער דזשאדזש האט דערהערט, אז ער האט דא צו טאן מיט אזעלכע מאגנאטען, האט ער ניט געקאנט ביישטעהן דעם גרויסען נסיון פון ארויסצוגעבען אן אינדזשאנקשאן.

ביז איצט, אלזא, האט די באסעס באמת אפגעניקט. אלעס איז געגאנגען, ווי געשמירט. און ווי האבען זיי עס צווישען זיך אודאי טריאומפירט איבער דער באמבע, וואס זיי האבען אנגעגרייט פאר די ארבייטער, פאר דער יוניאן און אלע איהרע פיהרער. אבער, אז עס איז ניטא קיין מזל, און אפשר א ביסעלע שכל, איז כאטש צוריים זיך. אט וואס האט פארפירט: דער סופרים קאורט ריכטער, מיינענדיג באמת, אז ער האט דא צו פארהיטען די גרויסע קלאוקמאגנאטען און צוזאכען מיט זיי גאנץ ניו יארק פון א געפעהרליכער קאנספיראציע, האט ארויסגעגעבען דעם שרעקליכסטען אינדזשאנקשאן, וואס א דזשאדזש האט אמאל ארויסגעגעבען. ניט נאר פארווערט דער אינדזשאנקשאן דאס פרידליכע פיקעטען, וואס איז, לויט דעם פסק פון סופרים־קאורט פון יונייטעד סטייטס, יע ערלויבט; ניט נאר פארווערט ער די סטרייקער זאגאר אפצוהאלטען א מיטינג; נאר דער אינדזשאנקשאן פארווערט אויך צו צאהלען סטרייק־בענעפיט צו די סטרייקער, ווייל, לויט דער ערקלעהרונג פון די באסעס צום דזשאדזש, זיינען זיי דאך גאר קיין סטרייקער נאר אמת־געפעהרליכע קאנספיראטארס. איז אט די גאנצע משנה'דיגקייט פון דעם אינדזשאנקשאן האט באגראבען דעם גאנצען באסעס'ן פלאן. אזוי שנעל, ווי עס איז באקאנט געווארען דער כאראקטער פון דעם אינדזשאנקשאן, האט די גאנצע עפענטליכע מיינונג זיך גלייך געלאזט הערען אין גאנץ אונצווייטייטיגע דיבורים. און דער רעזולטאט איז דער, דאס איידער דער אינדזשאנקשאן איז נאך אנגעקומען צו דער יוניאן, כאטש זיין אינהאלט איז שוין פארעפענטליכט געווארען אין דער גאנצער פרעסע, האט דזשאדזש הינקלי זיך ארומגעזעהן, אז ער האט זיך א ביסעלע צוגעאיילט, און ער האט צוריקגעצויגען דעם אינדזשאנקשאן ביז פרייטאג. [illegible] ער וועט אויסהערען ב י י ד ע צדדים, ניט ווי עס איז געווען אין דעם ערשטען פאל, ווען ער האט באוויליגט דעם אינדזשאנקשאן א שעה פאר ליכט־בענטשען, א שעה פאר דעם, איידער עס האט זיך געשלאסען דער קאורט לעצטען שבת, ווען ער האט זאגאר די טענות פון די לאיערס פון די מאנופעקטשורער'ס ניט געקאנט ריכטיג אויסהערען.

אלזא, די קלאוק־מאנופעקטשורער־באמבע, וואס האט עס געוואלט פלאצען מיט אזא טויטליכען עפעקט אין דעם לאגער פון די סטרייקער, האט געפלאצט גאר אין דעם לאגער פון די באסעס. זייער איינציגער גרויסער פלאן איז ד ע ר ו ו י י ל שרעקליך דורכגעפאלען. דערווייל איז אלעס ווי געווען; היינט אינדזשאנקשאן געגען די סטרייקער איז ניט ארויסגעגעבען געווארען, די ארבייטער מעגען פיקעטען, מעגען האבען זייערע פארזאמלונגען, מעגען קריגען און קריגען זייער סטרייק־בענעפיט, און פון דעם גאנצען טריאומף פון די באסעס האט זיך אויסגעלאזען דערווייל א טריאומף פאר דער יוניאן.

דאס מיינט ניט, אז מיר פיהלען דעם מינדעסטען שרעק, אז ווען דער אינדזשאנקשאן וואלט יע ארויסגעגעבען געווארען, וואלט עס אויף איין האר געשאדעט דעם סטרייק, און אז דאן וואלט זיך עס איינגעגעבען די מאנופעקטשורערס צו ברינגען ארבייטער פאר זייער סקעב־ארבייט. דאס קען קיינמאל ניט פאסירען. און מיר גלויבען ניט, אויב אפילו די באסעס האבען ערווארטעט פון דעם אינדזשאנקשאן אירגענד אן ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער יוניאן און די סטרייקער; אבער זיי, וועלכע זיינען מאראליש אזוי באנקראט, האט זיך שטארק געגלוסט צו האבען כאטש אירגענד וועלכען מאראלישען נצחון. און זיי זיינען שוין געווען כמעט ווי זיכער דערביי, און דערפאר קען מען דאס לייכטער פארשטעלען זיך, ווי זיי מוזען נעבאך פיהלען איצט, ווען פון דעם גאנצען אינדזשאנקשאן־[illegible] האט זיך אויסגעדרייט א גארניט מיט גארניט.

וואס אנבאטרעפט די פראגע, צי די „אמעריקען" האט ווירקליך א שטיקעל בארעכטיגטע טענה, אז די יוניאן האט מיט איהר געבראכען א קאנטראקט, איז דער ענטפער, און דער ריכטיגער ענטפער, אז די גאנצע מעשה איז לא היה ולא נברא. די יוניאן האט טאקע געהאט אן אפמאך מיט די דאזיגע קאנטראקטארס; אבער אין דעם אפמאך איז דא איין פאראגראף, וואו עס הייסט קלאר, אז דער קאנטראקטאר טאר ניט מאכען קיין ארבייט פאר א מאנופעקטשורער, וואו די יוניאן האט ערקלערט א סטרייק. ווען עס איז אזוי דעם 14טען נאוועמבער ערקלעהרט געווארען דער דזשענעראל־סטרייק פון די קלאוקמאכער, האבען דאך די ארבייטער פון דער „אמעריקען קלאוק, סוט ענד סקירט אסס'ן", וועלכע געארבייטען מעהרסטענס פאר די קלאוקמאנופעקטשורערס, געמוזט ארויסגעהן אין סטרייק. דער גאנצער סטרייק וואלט דאך געווען א חוזק, ווען מען לאזט די קאנטראקטארס מאכען די קלאוקס פאר די גרויסע מאנופעקטשורערס. די יוניאן האט דארום מיט דער „אמעריקען" קיין קאנטראקט ניט געבראכען. די יוניאן איז געווען און איז איצט בארייט צו שיקען איהרע מעמבערס צו דער ארבייט, נאר דערביי מוז זיין איין באדינגונג: זיי טארען ניט מאכען די ארבייט פון די מאנופעקטשורערס פון דער „פראטעקטיוו". דאס, אבער, ווי עס ווייזט אויס, קענען די קאנטראקטארס ניט צוזאגען, ווייל, ווי באלד פאר זיך מאנופעקטשורען זיי ניט, און די מעהרסטע ארבייט וואס זיי האבען, קומט פון די גרויסע מאנופעקטשורערס, צו וועלכע זיי טארען זיך איצט ניט צוריהרען, טו וואס וועלען זיי האבען, ווען זיי וועלען שוין סעטלען מיט דער יוניאן? וואס די „אמעריקען" האט געוואלט, איז אז די יוניאן זאל איהר לאזען מאכען סקעב־קלאוקס — א משונהדיגער פארלאנג, וואס קען טאקע נאר איינפאלען אזעלכע מענשען, ווי דאס זיינען די קאנטראקטארס! עס איז דערפאר ביי אונז כמעט קיין צווייפעל ניט, אז ווען דזשאדזש הינקלי וועט אויסהערען ביידע צדדים, און וועט ווירקליך פארשטעהן וועגען וואס עס האנדעלט זיך, וועט ער אין גאנצען זיך אפזאגען פון ארויסצוגעבען אירגענד וועלכען אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

די וויכטיגע בילדונגס־ארבייט אין דעם קלאוקמאכער־סטרייק.

מיר צווייפלען ניט אויף א מאמענט אין דעם זיגרייכען אויסגאנג פון דעם גרויסען קלאוקמאכער־קאמף, און, נאטירליך, איז אונזער זיג דאס סאמע וויכטיגסטע. פונדעסטוועגען, מוזען מיר זאגען, אז ווען אפילו דער רעזולטאט פון דעם קאמף וואלט ניט געווען אזא, ווי מיר זיינען זיכער, ער וועט זיין, וואלט דער איינציגער האמת געהאט זיין גרויסע באדיי־

אלערליי פון שיקאגא

פון ה. סקלמאן

אלזא, דער קאמף איז פאראיבער, עס לעבע דער זיג! פון היינט ביז מאי דעם איין-און-דרייסיגסטען, ווען אונזער פערציג-פינפער אגרימענט ענדיגט זיך, וועלען מיר אלע אונזערע קרעפטען אנווענדען, צו נאך מעהר פארשטארקען אונזערע באשטרעבונגען און נאך מעהר באפעסטיגען אונזערע פאזיציעס. אבער ניין! די מלחמה האט זיך נאך ניט געענדיגט, אין די צעהנער טויזענטער שטעהען ווי נאך אין די טרענטשעס, אין נויארק און איבעראל, סאי קלאוקמאכער, סאי וויסטמאכער, און מיר האבען זיך חיילים פארפליכטעט ווי צו העלפען, ברידערליך העלפען. אין אונזער „מפרות צייט" וועלען מיר באגרייפען, אז אונזערע געווינסען וועלען נאר דאן האבען א ווערט, ווען זיי דארטען, יענע צעהנדליגע טויזענדע טויערע און ליבע סטרייקער, וועלען קריגען צוריק דאס וואס מיר דא אין שיקאגא האבען באוויזען אויפצוהאלטען.

* *

אין אונזער קאמף זיינען מיר ניט געווען אליין, די גאנצע ארבייטערשאפט פון און ארום שיקאגא זיינען געווען לייב און לעבען מיט אונז און אונז געהאלפען לויט ווי די אומשטענדען האבען דאס געפאדערט. אלעס האט מיט אונז מיטגעסטרייקט און דער „פארווערטס" האט מיט אונז „מיטגע'פארווערטס'ט".

און נאך אמאל ווילען מיר אויסנוצען די געלעגענהייט הארציג צו באדאנקען דעם „פארווערטס" פאר די אמת ווערטפולע הילף וואס מיר האבען פון ווי געקראגען דורך דער גאנצער צייט און א ספעציעלען ברודער דאנק ווילען מיר געבען אלע מיטארבייטער און הויפטזעכליך גענאסע זיסקינד און גענאסע יעקב סיגעל וועלכער איז אונספעציעל געווען „כמעט" א מעמבער אין אונזער סטרייק קאמיטע. יעצט, מעהר ווי אלע מאל, זעהען מיר די נויטווענדיגקייט, די לעבענס-וויכטיגקייט, אז אלע קרעפטען פון דער ארבייטער באוועגונג זאלען זיין פאראייניגט. דאן נאר קאנען מיר האפען צו קאנען באקעמפען אונזער אלעמען'ס פיינד.

* *

זי איז א סינגעלמאן

יעדע ערנסטע פאסירונג מוז אויך נויטווענדיגערווייזע האבען איהר קאמישע זייט און אויך מיר זיינען אין דיזען פאל ניט געווען אויסנאם. אזוי האט אונזער סטרייק קאמיטע באשלאסען אז א פינישער, א מאמע פון צוויי קינדער, וועמענס פאטער ארבייט ביי אן אנדער טרייד, איז א „סינגעלמאן"...

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען באשליסען וויפיל עס זאל זיין דער סטרייק בענעפיט. און באשלאסען האט מען צו געבען פינף דאלאר צו א סינגעלמאן און אכט דאלאר צו א פאמיליענמאן און ווען איינער האט געפרעגט צו א פינישער א מאמע פון צוויי קינדער איז פאמיליענמאן אדער ניט, איז דער באשלוס געווען אז זי איז א „סינגעלמאן", וואס דאס האט געמיינט, אז זי דארף קריגען בלויז פינף דאלאר, ווייל איהר מאן ארבייט.

* *

פייטעלסאן מיט זיינע „מענטשען"

קיינער פון אונזערע סטרייק טשערלייטע וועט ניט בלייבען אזוי אנטשערבליך ווי ברודער פייטעלסאן און ניט אזוי פייטעלסאן, ווי פייטעלסאן מיט „זיינע מענשען".

מיר האבען איהם ערוועהלט אלס דעם טשערמאן פון דער „ארגאניזיישאן קאמיטע" און, ווי יעדער טשערמאן, האט ער צו זיך „צוגעצויגען" א גרופע פון טעטיגע מעמבערס וועלכע זאלען איהם ארויסהעלפען אין זיין ארבייט. ניט האבענדיג גענוג ארבייט פאר אלעמען פלעגט ער מאנכע פון „זיינע מענשען" אויסליינען — צו דעם טשערמאן פון דער האל קאמיטע אדער ער פלעגט זיי אוועקשיקען צו ארבייטען אין אנדערע קאמיטעס. פלעגט ער אבער ווערען מיטאמאל „ביזי" דאן האט ער „זיינע מענשען" באלד צוריקגערופען. די טשערלייטע פון יענע קאמיטעס פלעגען דערווייל בלייבען אהן די נויטיגע הילף, און ביי יעדען מיטינג פון דער סטרייק קאמיטע פלעגען זיי האבען טענות, אז פייטעלסאן נעהמט צו אהן אפילו נאמים צו געבען זיינע מענשען. און דאס שטערט ווי צו א געוויסען גראד אין זייערע אויפגאבען. פייטעלסאן, נאטירליך, פלעגט קיינעם קיין ענטפער ניט בלייבען שולדיג און פלעגט טענה'ן, אז די „מענטשען" זיינען „זיינע", און ער האט א רעכט צו טאן מיט זיי אלעס וואס ער דענקט איז נויטיג. און אזוי ארום איז ער געווארען פאפולער און וועט שוין פארבלייבען „פייטעלסאן מיט זיינע מענטשען" פאר א לאנגע צייט.

* *

אפיציעל האט זיך דער סטרייק געענדיגט פרייטאג פריה, ווען די סטרייקער זייענדיג פארזאמעלט אין דעם אימפעריאל טעאטער, האט פרעזידענט שלעזינגער האט אין זיין אייגענארטיגען שטייגער ארויסגערעדט די יעצטיגע לאגע אין טרייד און אויך ערקלערט וועגען דעם סעטעלמענט, וואס מיר האבען געמאכט מיט די בעלי הבתים. אבער אום צו ברענגען אלעס צוריק צו דער פריהערדיגער ארדנונג האט נאך פיל ארבייט געמוזט געטאן ווערען.

עס איז דעריבער געווען נויטווענדיג צוזאמענצורופען אלע שאפ טשערלייט אום זיך צוזאמענצורעדען ווי אזוי אלעס צו ברענגען אין א גוטען צושטאנד. אזא מיטינג איז געהאלטען געווארען לעצטען שבת פריה וואו גאנץ אנדערס איז באשלאסען געווארען אז די קאטערס זאלען גלייך דינסטאג אין דער פריה זיך מעלדען צו דער ארבייט. אויך זאל דער שאפ טשערמאן מיט א קאמיטע אויב נויטיג ארייננעהמען אום צו קריגען די נויטיגע אינפארמיישאן און אויך מאכען אלע ארראנזשמענטס וועגען דעם ווען די איבעריגע ארבייטער זאלען ארויפקומען צו דער ארבייט.

די שאפ טשערלייטע זיינען אויך אינסטרוקטירט געווארען צו זעהן, אז די מעמבערס זאלען צוריק אנפאנגען צו צאהלען און הויפטזעכליך אפצאהלען אלע שולדען וואס עס קומט פון זיי.

די רעדנער צום מיטינג האבען אויך אנגעוויזען אויף דעם פאקט, דאס דער סטרייק וואלט זיך אזוי שנעל ניט געענדיגט ווען די באסעס וואלטען ניט איינגעזעהן אז עס וועט אוממעגליך זיין צו מאכען אירגענד וועלכען קלאוקמאכער צו קומען צוריק צו דער ארבייט אויף די אלטע באדינגונגען, און דאס עס איז אבסאלוט נויטיג דאס די זעלבע איינהייט זאל זיך אויך אנהאלטען אין צייט פון „פריידען".

צום סוף פון מיטינג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין וועלכער די סטרייק קאמיטע און הויפטזעכליך פרעזידענט ב. שלעזינגער, ווערט הארציג באדאנקט פאר די אמת גוטע און איבערגעבענע ארבייט דורך דער גאנצער צייט פון סטרייק. אויך פארפליכטען זיך אלע אנוועזענדע צו שטיצען מיט אלע קרעפטען די סטרייקענדע נויארקער קלאוקמאכער, גלויבענדיג און זייענדיג פעסט איבערצייגט, אז זייער קאמף מוז און וועט פונקט ווי אונזערער געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

ה. האלפערן. — דאס בריעף, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, און וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א זשורנאליסטען אנארכיסטישען פראוויזיאנאל-פארבאנד, איז א פראדוקט פון דער מוחות-צושמעלצונג פון די לעצטע עטליכע יאהר. ארגומענטירען מיט די דאזיגע נשמות-ארומע קינדער איז איבעריג. זיי ווילען ניט און קענען ניט פארשטעהן. זיי ווייסען ניט, זיי ווילען זיך ניט אריינטראכטען גאר אין אלעם, וואס איז געזאגט געווארען, למשל, צו גוטסטען פונ'ם אינדזשאנקשאן. זיי האבען זיך זייער אלטען סזמון, אז עס איז ניט פרינציפיעל, און האלטען אין איין ווידערהאלען איין און דיזעלבע נארישקייט. זייער טענה, אז דער אינדזשאנקשאן זאל האבען פארדארבען די זעלבסט-טעטיגקייט פון די מאסען, איז א פוסטע-אנגעבלאזענע פראזע. ווארים, ערשטענס, האט דער אינדזשאנקשאן פיל, פיל געהאלפען דערצו, אז די ארבייטער, ווען זיי ווילען נאר, זאלען קענען מיט מעהר פרייהייט, מיט מעהר זיכערקייט זיין אויף דער פיקעט-ליין; צווייטענס, וואס קען דאס מיינען „די זעלבסט-טעטיגקייט פון די מאסען"? וואס זאלען די מאסען טאן אין דער צייט פון א סטרייק, א חוץ ניט געהן ארבייטען און א חוץ שפיגען, אז אנדערע זאלען ניט פארנעהמען זייערע פלעצער? קען אימיצער באהויפטען, אז דאס לעצטע ווערט ניט גוט געטאן? ווען דאס וואלט געווען דער פאל, וואלט דאך דער סטרייק שוין לאנג געווען צו ענדע מיט א זיג פאר די מאנופעקטשורער. הייסט, אויב דאס ווערט יא געטאן, און גוט געטאן, צו איז וואס נאך זאל זיך אויסדריקען „די זעלבסט-טעטיגקייט פון די מאסען"? אפשר מיינען די דאזיגע חכמים, אז זייער טעטיגקייט זאל זיך אויסדריקען אין דעם, וואס זיי וואלען אום, אין מיטען סטרייק, אפ-נעמען-ווארען זייערע פיהרער און אליין פיהרען דעם סטרייק? דאס אבער קען מיינען נאר, אז יעדער שריט, וואס ווערט געמאכט, זאל ניט געטאן ווערען אהן די פילסטע ציטוימונג פון די ערליבען אין דרייסיג טויזענט סטרייקער. איז דאס אבער ניט דער גרעסטער אונזין? וואלט אזא מין סטרייק גע-

די פאראייניגונג פון די צוויי פראלעטאריאטען

(פעליעטאן)

פון ז. ווהילער.

האט די וואשינגטאנער קאנפערענץ פארט עפעס אויפגעטאן: דירעקט, דער פיר-בונד פון די פיר גרויסמעכטע; אינדירעקט, דער צוויי-בונד פון די צוויי קליינמעכטע פון דער אידישער גאס, נעמליך, די „פעדעראציע" מיט דער נייער אנשיקעניש, די אידישע אמקאמפאר. ביז איצט פלעגט מען יעדע ארבייטער-באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט צושרייבען צום קרעדיט פון מאסקווא, קען מען איצט, על פי יושר, צושרייבען דיזע וויכטיגע פאסירונג צום קרעדיט פון וואשינגטאן.

צי די וועלט וועט עפעס געווינען פון דעם פיר-בונד איז נאך א גרויסער ספק, נאר אז מיר, פון ניו יארק און פון דער פראווינץ, וועלען נאר א סך געווינען פון צוויי-בונד איז גאר קיין פראגע ניט. ערשטענס, ווערען מיר פטור פון דעם „עמעס", וועלכער האט פארליקוצט אלע אנדערע אמת'ען; און דאס אליין, און און פאר זיך, איז גאר ניט קיין קלייניגקייט. ווען מ'נעמט אין אנבאטראכט די פאליסי פון „פיטש, פאטש, אי ניקאסיך", ווי שלום עליכם זאגט, וואס דער „עמעס" האט אריינגעבראכט אין אונזער אזוי אויך געפאטשטער און נעבעך-ועמטער זשורנאליסטיק, איז זיין „פטירה" א גרויסע געשעהעניש. מ'וואלט אפילו געווען פאסיג איהם צו געבען אן אפשיידס-באנקעט, ווייל, צווייטענס, ניט נאר האט ער דאס פארדינט וואס ער נעהמט אליין אוועק, נאר איהם קומט אויך דער קרעדיט פאר מיטנעהמען מיט זיך „די נייע וועלט". פאר דיזער טובה וועלען איהם דאנקען אלע וואס האבען נאך אביסעל רעספעקט פאר די אלטע „וועלטען", וועלכע „די נייע וועלט" האט אזוי עקשנות'דיג מבטל געווען. און ס'וואלט ווירקליך געווען אן עולה ווען מ'זאל „ניט מעספען" זינגען און ניט קיין קדיש זאגען".

אמת, אונז ערווארט אפילו עטוואס ערגערס ווי די צוויי „רעוואלוציאנערע" ארגאנען, נאר ווי זאגט מען, דיה לצרה בשעתה. מיר וועלען האבען צייט זיך זארגען ווען זי, „די פרייהייט", וועט ערשיינען. און פאר „פרייהייט" האבען מיר שוין בכלל קיין מורא ניט. דאס האבען מיר שוין געלערנט סיי דא, פון פאלמער'ן, און סיי דארט, פון דער „טשעקא", אז „פרייהייט" איז ניט קיין געפעהרליכער ארטיקעל און מ'קען זיך מיט איהר לייכט ספראווען. „פרייהייט" איז ניט „עמעס". „עמעס" איז וועכענטליך און פארדרעהט דעם לעזער די קאפ. „פרייהייט" איז טעגליך און פארדרעהט די ארויסגעבער די קעפ...

נאר, ווי די מעשה וועט שוין ניט זיין שפעטער, איין זאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז מיר זיינען געווארען א פארהארטעוועטער דור, אז אונזער רעפוטאציע אלס רחמנים בני רחמנים איז שוין אוים.

ווער געדענקט דאס ניט די צייט ווען אין שטעטעל, אז עס פלעגט טרעפען א בעל-הבתיש קינד א ווירענער יונגערמאן, איז ארויס פון קעסט און געוואלט זיך נעמען צו מסחר, עפענען א קרעמעל; האט מען דאך וועלטען איינגעריסען און מ'האט זיך צונויפגעלייגט און געעפענט פאר דעם יונגענמאן א קרעמעל. וואס ושע, מ'וועט דאס עפעס לאזען א בעל-הבתיש קינד ארומגעהן אהן פרנסה? וואו איז יושר, וואו איז סאוועסט און וואו איז מענשליכקייט?

ווי אבער האבען מיר געהאנדעלט? זיינען געקומען צו אונז בעלי-בתישע קינדער, ווירדענע יונגע לייט, סטודענטן, קאפמענשען, מיט דער שעהנער האנט און גלאטען צונג און וואס אהר ווילט נאר אליין: שרייבען און חשבונען אין אידיש און רוסיש אין „טשיסטאפיסאניע", און בקי בכלל ה„טעזיסען" ווי א פרומער איד אין אשרי, און אלץ וואס זיי פארלאנגען איז בלויז צו מאכען א — סאציאלע רעוואלוציע, און אלץ וואס זיי דארפען דערצו איז בלויז א — פראלעטאריאט. בעטען זיי זיך ביי אונז: אידען, רחמנים בני רחמנים, שענקט אונז א פראלעטאריאט, בארגט אונז א פראלעטאריאט, אדער אנטלייהט אונז כאטש א פראלעטאריאט בלויז אויף צו מאכען א סאציאלע רעוואלוציע, לאזט אונז ווייזען וואס מיר קאנען און ראטעווען אונזערע רעפוטאציעס... אבער מיר זיינען געבליבען טויב צו זייערע רייד און ניט באוויליגט זייער געבעט. אבזורים וואס מיר זיינען, פארשטיינערטע, פארהארטעוועטע מענשען, אהן א פונק פון יושר.

אויף אונז וועט פאלען די שולד פאר דער פאראייניגונג פון די צוויי פראלעטאריאטען, ווייל פאראייניגונג איז אזא פאל מיינט „אבליוויאן", פארגעסענהייט: אפגעטאנצט די חתונה און געהט געזונטערהייט. וועמען, למשל, אינטערעסירען די מיליאנען פאראייניגטע פארלאך מיט זייערע וואכעדיגע אינטערעסען און צרות? אינטערעסאנט איז בלויז דער ראמאן פאר דער פאראייניגונג און די שפאלטונג נאך דער פאראייניגונג, דער „קליינבירגערליכער" שלום-בית איז מאנאטאן, אומאינטערעסאנט און ביז א געוויסען גראד — רעאקציאנער.

און זי, די געשיכטע, וועט אונז דערפאר קיין קנים אין בעסעל זיבער ניט געבען. מ'האט ניט געטאַרט מביש זיין קיין בעל-הבתי'שע קינדער. „געוועזענע מיינגד" די אינטערעסען פון די ארבייטער; ווען עס האנדעלט זיך וועגען דורכפיהרען אזא וויכטיגע שליחות האט מען ניט געדארפט קוקען אויף אזא קליינינקייט. מ'וואלט ווי אפשר פארט געדארפט אוועקגעבען דעם פראלעטאריאט ווי זאלען האבען מיט עפעס צו מאכען כאטש א שטיקעל רעוואלוציע.

בארעכענט נאר וואס דא איז פארגעקומען: יונגע לייט האבען איבערגעלאזט דאס שעהנסטע און דאס בעסטע — דעם גן עדן התחתון איבערגעלאזט — זיך אפגעזאגט פון די העכסטע מיניסטער שטעלעס, פון דעם גרעסטען כבוד וואס א בן אדם קאן נאר טרוימען און זיך געלאזט מעבר לים, זיך מטריח געווען אזא ווייטע נסיעה, צוליב וואס? צוליב אונז דאך! אונז מזכה זיין מיט א שטיקעל איבערקעהרעניש. אליין האבען זיי דאך גאר ניט געוואלט נהנה זיין. ווארום וואלטען זיי חלילה געמיינט אייגענע נוצען, אייגענע טובות, האבען זיי דאך געהאט א לאנד פון שבעה ועשרים ומאה מדינות וואס בעט זיך ביי זיי צו ווערען דיקטירט, צו ווערען רעדאקטירט, צו ווערען געפיהרט — אבער זיי האבען אלץ געלאזט און געקומען צו אונז. און מיר, א, שלעכטע מענשען! — האבען געווישלעוועט ווי אויסבארגען דעם פראלעטאריאט כאטש אויף א שטיקעל צייט...

און איצט איז מען פאראייניגט. און אנשטאט רעוואלוציע וועט זיך אנמאכען א סדרה באנקעטען, אנשטאט געבער ווערט מען חברים, און אוים „עמעס" אוים „נייע וועלט", אוים איבערקערעריש, ניש, שא, שטיל — פאראייניגט.

פו פראנקי האט צוליב די ביזנעס רעזיגנירט פון זיין אמט. מיינט עס, אז בא פראנקי'ן פאראייניגט זיך אין שעהנער הארמאניע ביזנעס מיט קאמוניזם. דאס איז ווירקליך גענייאל. אבער דאך גאנץ אריגינעל איז עס ניט. אזעלכע מענשען, וועלכע האבען פאראייניגט ביזנעס מיט זייער אידעאל, קאן איך א היבשע ביסעל אויך אין ניו יארק.

צו דעם שווערליכען הונגער אין רוסלאנד, פון וועלכען עס ליידען, לויט קאליבינ'ס חשבון, ניט ווייניגער, ווי 27 מיליאן מענשען, און פון וועלכע, אין דעם בעסטען פאל, נאר א צעהנטער-חלק וועט קענען געראטעוועט ווערען פון א שרעקליכען הונגער-טויט, איז נאך צוגעקומען דער טיפוס, פון וועלכען מענשען פאלען ווי די פליגען. און אין דעם פנים פון אזא קאטאסטראפע און פון דעם גאנצען עלענד, וואס האט זיך אויסגעגאסען איבער אייראפא, זיצען נאך מענשען אויף א קאנפערענץ, און מען האלט זיך אין איין דינגען איבער די צאהל קריגס-שיפען, סאבמארינס, וואס יעדעס לאנד זאל האבען, און מען הויבט כמעט אן גאר צו פיהלען, וואס פאר א געוואלדיגער פארברעכען עס איז געווען די לעצטע מלחמה און ווי אונמענשליך גרויזאם עס איז צו טראכטען וועגען דער מעגליכקייט פון א נייער מלחמה.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

סטרייק-רעדעס—אמאל און היינט

פון נ. ב. לינדער

אין א געוויסען נאדעל-ארבייטער סטרייק, וואס איז פארגעקומען אין נויארק מיט עטליכע יאהר צוריק איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען זיך אנצוהערען מיט א היבש ביסעל סטרייק-רעדעס. די מעהרסטע פון יענע „רעדנער" — יונגע בחורים און עלטערע מיידלאך — האבען געהאט גרויס אמביציע צו ווערען רעדנער. פון זיין רעדנער אבער זיינען זיי געווען אזוי ווייט ווי א קאץ איז פון זמירות. דאס ערגסטע מיט זיי איז געווען נים דאס וואס זיי האבען נים געקענט די מלאכה פון רעדען פאר אן עולם — עס זיינען פאראן א סך אלטע רעדנער וואס ליידען אויך פון אט דער שוואכקייט — נאר דאס, וואס זיי האבען גלייך פשוט נים געוואוסט וואס צו רעדען.

ניט אומזיסט האט איינער פון די חבר'שעהליים אין יענעם סטרייק זיך איינמאל באריהמט, אז די סטרייקערס זיינען פשוט מלאכים, וואס זיי קאנען אויסציהען דריי-פיער שטונדען נאכאנאנד זיך אנהערען מיט אזוי פיל נארישע רעדעס — און נים אויספאטשען, אדער באמש אויספייפען, קיין איינעם פון די רעדנער.

דער אמת איז, אז אין קיין פלאץ און ביי קיין געלעגענהייט — סיידען, אפשר, אויף א לאדזש' אדער סאסייעטי-מיטינג — האט מען נים געהערט אזוי פיל נארישע, ווילדע פראזען-דרעשערייען ווי ביי די נאכמיטאגדיגע סטרייק-מיטינגען אין די האלס פון סטרייקערס.

עס איז דעריבער באזונדערס אנגענעהם צו זעהן, אז די רעדנער-קאמיטע אין דעם איצטיגען קלאוקמאכער סטרייק האט געמאכט א סוף צו אט דעם מין רעדנער.

די רעדנער קאמיטע, אונטער'ן פארזיץ פון מר. י. העלער, מענעדזשער פון לאקאל 17, האט באלד אין אנהויב פון סטרייק באשלאסען זיך צו באנוצען פאר די סטרייק-מיטינגען מיט איינענע רעדנער-קרעפטען; און מיט איינינע ווענינע אויסנאהמען איז דער דאזיגער באשלוס ביז איצט ערפאלגרייך דורכגעפיהרט געווארען. די אויסנאהמען ווערען געמאכט נאר פאר אזעלכע אויסגעצייכנטע קרעפטען, וואס קאנען לייסטען מעהר איידער די איינענע קרעפטען, אבער זיכער נים ווייניגער.

דער פארדינסט פון באנוצען זיך נאר מיט איינענע רעדנער-קרעפטען פאר די סטרייקערס מיטינגען איז א פילפאכער; ערשטענס, זענען איינענע רעדנער, יוניאן באאמטע און סטרייק-פיהרער, די איינציגע קאמפעטענטע פערזאנען צו רעדען צו די סטרייקערס און זיי אינפארמירען איבער די טעגליכע פראגען און ענטוויקלונגען פונ'ם סטרייק; און דאס זענען דאך איינענטליך די פראגען וואס זיינען פאר די סטרייקערס פון באלדיגען אינטערעס און גרעסטער וויכטיגקייט. צווייטענס, זענען שוין מאקי די קלאוקמאכער, ברוך השם, ארויסגעוואקסען פון די פארצייט'יגע רעדעס, מיט פוסטע פראזען גלאט אין דער וועלט אריין. זיי נויטיגען זיך שוין נים מעהר אין עלעמענטארע, אלף-בית „לעקטשורס" איבער סטרייק און טרייד-יוניאניזם, וועגען וועלכע עס רעדען די מעהרסטע „געלארענע" רעדנער.

זיי, די סטרייקערס, ווילען בעסער וויסען, ווי האלט עס מיט'ן סטרייק און וואס זענען די אויסזיכטען אויף א באלדיגען אדער נים-באלדיגען זיג, — און וועגען דעם קאנען זיי זייערע איינענע באאמטע און פיהרער זיכער פיל מעהר אויפקלערען אפילו פונ'ם בעסטען „געלארענעם" רעדנער. און טאמער זענען איינינע פון די איינענע רעדנער נים קיין גוטע אראטארס — איז אויך נים קיין סכנה. פאר די סטרייקערס אליין וועלען זיי זיין אינטערעסאנטער און אויך פארשטענדליכער איידער דער בעסטער ווייטיגער אראטאר.

א דריטע מעלה פון זיך באנוצען מיט איינענע סטרייק-רעדנער איז דאס, וואס דאס האלט די סטרייקערס ריכטיג אינפארמירט וועגען דעם אמת'ן צושטאנד פונ'ם סטרייק — נים פארקלענערט און נים איבערטריבען — און אויף דעם אופן ווייסען די סטרייקערס אליין וואס פאר אן אויסגאנג צו ערווארטען.

איך וויל דא אנגעבען, וואס מיר האט איבערגעגעבען מר. ברעסלאוו, דער טשערמאן פון דער האלקאמיטע, און אויך מר. העלער, טשערמאן פון דער רעדנער און פארוויילונגס קאמיטע. ביידע, אי ברעסלאוו אי העלער, האבען אין זייערע באזונדערע געשפרעכען מיט מיר, זיך אפגעשטעלט אויף דעם פאקט, וואס א געוויסער טייל פון די סטרייקערס זענען שוין צו אפטימיסטיש בנוגע צום סטרייק. זיי זענען אזוי זיכער, אז דער סטרייק מוז זיך ענדיגען מיט א פולשטענדיגען זיג פאר זיי, אז זיי באטראכטען זיך שוין פאר די זיגער. פרעגט זיי, פון וואנען נעהמען זיי דאס און פארוואס זענען זיי אזוי זיכער — ווייסען זיי אליין נים. ערקלערען קאנען זיי דאס נים, נאר אזוי פיהלען זיי. און געגעבען זיי אט דעם געפיהל האט מסתמא דער שוין צו אפטימיסטישער טאן פון דער פרעס.

דאס, נאטירליך, צווינגט די רעדנער, וואס אדרעסירען די סטרייקערס-מיטינגען, אפט צו רעדען — אדער, איך וואלט עס אנרופען, זיך דורכרעדען — מיט די סטרייקערס אויף א גאנץ היימישען און אפענהערציגען אופן, און זיי ערקלערען גענוי און מיט אלע איינצעלהייטען די באדייטונג פון אלע ביזאיצטיגע געווינסטע, און וואס מען קאן אדער מען קאן נים ערווארטען אין דער צוקונפט.

צוליב אט די דאזיגע אנגענעבענע טעמים איז דאס געווים א גרויסער אויפטו פון דער רעדנער-קאמיטע, וואס זי האט געהאט די פארזיכט אפצושאפען אין'ם איצטיגען סטרייק דעם אלטען מנהג פון פראזען-דרעשערייען. און פאר דעם פארדינט די קאמיטע א ווארימען קאמפלימענט. וואס אנבאלאנגט דער אלגעמיינער ארבייט פון אט דער קאמיטע איז דאס, ווי איהר טשערמאן, מר. העלער אליין, האט זיך אויסגעדריקט, „נישא אויף וואס אנצואווייזען."

די ארבייט פון דער רעדנער און פארוויילונגס קאמיטע קאן פארגלייכט ווערען מיט דער ארבייט פון א סופלער אין טעאטער: קיינער זעהט איהם נים, קיינער הערט איהם נים, אבער אהן איהם וואלטען אלע אויף דער ביהנע געווען שטום.

עס איז די רעדנער קאמיטע וואס באזארגט רעדנער פאר די פארשיעדענע מיטינגען אין די פארשיעדענע האלס. די זעלבע קאמיטע ארגאניזירט אויך די פרייטאג-קאנצערטען, פארשטעלונגען און כל המינים אנדערע פארוויילונגען פאר די סטרייקערס אין די האלס. און, פון צייט צו צייט, אויך טעאטער-פארשטעלונגען. ביז איצט האבען די סטרייקערס שוין געהאט דריי גרויסע טעאטער-פארשטעלונגען וואס זענען געגעבען געווארען ספעציעל פאר זיי.

אין דעם האט דער קאמיטע זעהר פיל מיטגעהאלפען דער גוטער און אייביג פריינדליכער ר. גוסקין, מענעדזשער פון דער גרויסער אקטיארען יוניאן, וועמען העלער בעט מיך אויסצודריקען אן עפענטליכען דאנק.

נים אין אלע האלס, פארשטעהט זיך, קאנען געגעבען ווערען קאנצערטען. דערפאר באקומען די סטרייקערס פון די קלענערע האלס דעם גרעסטען טייל בילעטען צו טעאטער פארשטעלונגען. אויך אט דאס טיילען, איינטיילען און אויסטיילען איז די ארבייט פון דער רעדנער און פארוויילונגס קאמיטע.

נאך אן אינטערעסאנטער אויפטו פון אט דער קאמיטע — דאס מאל אויפ'ן געביט פון פארוויילונג — זיינען די טאנץ-פארשטעלונגען פאר די אינגערע מיטגלידער פון צווישען די סטרייקערס. און נאך מעהר אינטערעסאנט איז דאס, וואס אויך די טענץ ווערען דורכגעפיהרט פון איינענע קרעפטען: דאס הייסט מאקע פשוט'ע סטרייקערס און סטרייקערינס, יונגעלייטלעך און מיידלאך מיט טאלאנט און וואס לערנען זיך גאנץ געשמאק די טאנץ-קונסט.

ווער ווייסט אויב צווישען די געווינסטען פונ'ם איצטיגען גרויסען קלאוקמאכער סטרייק וועלען זיך נים צעהלען אויך א רייהע אויסגעוואקסענע טאלאנטען, ווי קינסטלער-טענצערינס, קינסטלער-פארלעזער און נאך אנדערע.

די „שולד" דערפון וועט פאלען אויף דער רעדנער און פארוויילונגס קאמיטע — דאס הייסט, אויף י. העלער, טשערמאן; פאניא כ. קאהן און ה. לובינסקי.

אויסבעסערונג:—אין דעם ארטיקעל פון לעצטער וואך, איז דורך א צופאל אויסגעלאסען געווארען דער נאמען ב. באזער, דער טשערמאן פון מאנהעטען לויסעאם.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

מען רעדט וועגען דעם, אז מעיער הוילאנ'ס געהאלט זאל געהעכערט ווערען פון 15 אויף 25 טויזענד דאלאר דאס יאהר. אפילו די „טיימז" איז נים דאגעגען. איך אויך נים. מעהר נים, מיר דוכט זיך, אז אויב שוין יא העכערען די געהאלטען פון די, וועלכע דינען דער שטאדט, וואלט מען צוערשט באדארפט אנהויבען פון די סאמע קלענסטע, למשל, פון די גאסען-קערער. איך האב עס מורא צו זאגען, אבער מיר דוכט זיך, אז ניו יארק קען זיך ווענינער באגעהן אהן די סטריט-קלינער, ווי אהן אונזער האנארייבל מעיער הוילאן.

פראהיבישאן, ווי אלעס אנדערע אין אונזער אומפאלקאמענער וועלט, האט אי א גוטע און אי א שלעכטע זייט. דאס ווענדט זיך, ווי פאר וועמען. למשל, פאר דאקטוירים און אפטייקערס איז דער 18טער אמענדמענט געווען אן אמת'ע גאלד-מינע. אין שיקאגא אליין האבען די דאקטוירים אין משך פון לעצטען יאהר ארויסגעגעבען 2,189,000 שנאפס-רעצעפטען. נעהמענדיג פאר יעדען רעצעפט צו צוויי דאלאר, האבען אונזערע דאקטוירים געמאכט עקסטרא לעצטעם יאהר גענוי פיער און א האלב מיליאן דאלאר. אויך די אפטייקער האבען זיך נים געקלאגט. זיי האבען זיך געלאזט באצאהלען נים ווענינער, ווי דריי דאלאר פאר א פיינט, ווי פאר א מעדיצין.

אין דעם רייכסטאג האט די דייטשע רעגירונג פארגעשלאגען א געזעץ, לוים וועלכען יעדער איינער, וואס וועט באליידיגען עפענטליך די רעפובליקאנער קאנסטיטוציע, דעם פלאג, אדער אויפרייצען צו געוואלט-טאטען געגען די רעגירונגס-פונקציאנערען, זאל באשטראפט ווערען מיט געפענגניס, אדער מיט א געלד-שטראף ביז 500 טויזענד מארק. און דאך האבען מאנכע מענשען געגלויבט, אז מיט דעם שטורץ פון די האהענצאלערנס איז שוין אויך אפגעשאפט געווארען די גרויסע עבירה פון „מאיעסטעט-באליידיגונג".

אין די ציימונגען רעדט מען שטארק פון א ביליגען לעבעל ברויט, וואס קאסט איצט 5 סענט. פרעגט מען אבער די באלעבאטעס, אויב זיי ווייסען עפעס וועגען דעם, באשאלטען זיי אלע פינסטערע חלומות צו די קעפ פון די בלאפערישע ציימונגען.

די סוב-קאנטראקטארס אין אונזער אינדוסטריע, ד. ה. די, וועלכע זיינען נים קיין פיש און נים קיין פלייש, נים קיין ארבייטער און נים קיין באלעבאטים, נאר עפעס א מין טומטום, האבען ארויסגעזוכט אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן. און זיי געהען זיך שוין ברייטע ביילען פאר די פראפיטען וואס זיי וועלען ארויסקוועטשען פון די ארבייטער. זיי ערקלערען, אז ג ל י י ך געהען זיי עפענען זייערע שעפער. יא, עפענען וועלען זיי זיי מסתמא, אבער די קלאוקמאכער וועלען בלייבען דרויסען אזוי לאנג, ביז די געעפענטע שעפער וועלען זיין אמת'ע יוניאן-שעפער מיט אלע יוניאן-באדינגונגען. זאלען זיי נים פארגעסען, אז מיט דעמזעלבען געשריי: „מיר געהען עפענען די שעפער", איז אויך די „פראטעקטיוו" ארויס אין די ערשטע טעג פון קאמף.

אמת איז, אז דער עולם אין קארנעגיע האלל האט זיך אויפגעפיהרט נים זעהר שעהן אין דער דעבאטע צווישען סענאטאר קינג און סענאטאר פראנס מיט עטליכע מאנאטען צוריק. אבער, אז סענאטאר קינג זאל דאס נים קענען פארגעסען, און זאל זיך דערפאר וועלען נוקם זיין אן אלע אידישע אימיגראנטען און צושליסען פאר זיי די טויערען פון אמעריקא, דאס איז אזוי קליינליך, אזוי אונווירדיג, אז מען מעג זאגען, דאס דער עולם אין קארנעגיע האלל האט איהם דאן, כמעט גאנץ אינסטינקטיוו, אפגעשעצט, לוים זיין ריכטיגען ווערט.

איך האב גארנים געוואוסט, אז אין ניו יארק איז דא א „פערד-הילף-געזעלשאפט", וועלכע פאסט אויף, אז די ארימע פערד זאלען נעבאך נים פארהונגערט ווערען, און אז באזונדערס איז די דאזיגע סאסייעטי טעטיג אין דעם הייליגען יום טוב קריסטמעס, און זי פארזארגט די פערד, וועמעס באלעבאטים זיינען אויך פערד, פוי, איך מיין, נים זעהר קיין זאטע, אז קריסטמעס זאלען זיי זיין צופרידען און זאט.

אט ווי איינע פון די הויפט-פיהרערינס פון דער דאזיגער געזעלשאפט באשרייבט דאס, וואס זי האט געזעהן אויף איהר מצות-גאנג: „מיר האבען באזוכט פילע שטאלען, וואו מיר האבען געזעהן פערד, וועלכע זיינען געוועזען שוין צוויי טעג אונגעגעסען, און זיינען געווען צוגעבונדען יעדע נאכט ביי דער זייט פון גליקליכערע פערד, וועמעס באלעבאטים זיינען רייך גענוג צו געבען זיי גוט עסען. עס איז געווען א ביטערער רחמנות צו זעהן אט ערמע, דינע פערד, וואס מוזען דורך די גראטעס פון זיין סטענד צו קריגען א פאר הייאלאך, אדער אביסעל קערנער פון דעם מאלצייט פון זיין מעהר מזל'דיגען שכן". מערקווירדיג, דאס ביי פערד איז גאר, להבדיל, ווי ביי אונז, מענשען. אויך ביי זיי זיינען דא דינע און פעטע, הונגעריגע און זאטע פערד... א ריכטיגער בעל דרשן קען דערפון לערנען דעם פשט, אז וויבאלד עס איז ביי פערד פונקט ווי ביי מענשען, מסתמא איז עס דאך מן השמים.

א שעהנע ראמאנטישע געשיכטע אין אונזער צייט פון מאטעריאליזם קומט פון קאלעדזשיא, ניו יארק. דארט לעבען צוויי אלטיטשקע, א מאן און פרוי, ביידע אלט צו הונדערט יאהר, און זיי שרייבען זיך יעדען טאג ליבע-בריוולאך. תיתכן? איז דא אויף דעם א גאנץ גוטע ערקלערונג: די פארעל, צוליב פארשיידענע סבות, האט קיינמאל נים חתונה געהאט.

אונזער גאנצע ציוויליזאציע און קולטור האלט זיך אויף הונגער. ווען נים דער הונגער, ווער ווייס, ווי ווייט הינטערשטעליג מיר וואלטען געווען מיט אונזער פארטשריט! אט האט איהר א פאקט: פילע עפענטליכע ארביימען, ווי דאס בויען פון פארשידענע עפענטליכע געביידען, וועגען, קאנאלען, וואלטען געבליבען אונגעטאן, ווען נים די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט. אט אזוי העלפט דער קריזיס, דער הונגער פון די מיליאנען, בויען און באריכערען אונזער גרויסע קולטור.

לוים'ן קייבעל פון פאריז צו דער „ניו יארק טיימז", איז אין דעם פארגאנגענעם יאהר דארט באגאנגען געווארען ווענינער פארברעכענס, ווי אין 1920. מעיער הוילאן און פאליס-קאמישאנער ענרייט וועלען, נאטירליך, דערפון נים דרינגען, אז די פאריזער פאליציי פארשטעהט בעסער איהר אויפגאבע, ווי די ניו יארקער. דאס קען דאך נים זיין! נאר פשוט, די ניו יארקער פארברעכער זיינען גרעסערע כוואטעס, ווי די פאריזער. איך האב א גאנץ אנדער טעאריע. די פאריזער פאליציי פארנעהמט זיך מעהר מיט איהר יאגד אויף פארברעכער; די ניו יארקער אבער איז מעהרסטענס פארנומען מיט דער יאגד אויף די רומען.

נים לאנג צוריק האט א פראנצויזישער געלעהרטער אויסגעפונען דעם ריכטיגען מיטעל, ווי פאטור צו ווערען פון די פילע מייז, וועלכע טוען אונז אן שרעקליכע צרות. אנשטאט צו פאנגען מייז, אדער צו פאר'סמ'ען מייז, ווי מען האט ביז איצט געטאן, נאר נים טראכטענדיג צי די מייז זיינען זכרים אדער נקבות, וואס דאס האט קנאפ וואס געהאלפען, ווייל די מייז האלטען זעהר שטארק פון דער מצוה „פרו ורבו", איז ער געפאלען אויף דעם פלאן צו פאר'סמ'ען בלויז די נקבות, און די זכרים לאזען לעבען און לויפען. דער שכל איז דער, דאס ווי באלד עס ווערט א מאנגעל אין נקבות, ברעכט אויס א מלחמה צווישען די זכרים פאר די נקבות, און דער רעזולטאט פון דער מלחמה איז דער, וואס זיי הרג'ענען אויס איינע די אנדערע. איך פארשטעה אבער נים, ווארום איז דעם פראפעסאר נים איינגעפאלען צו פאר'סמ'ען צוערשט די זכרים און לאזען די נקבות צו פיהרען די מלחמה פאר די איבערגעבליבענע זכרים? איז עס נים אמאל דערפאר, ווייל דער פראפעסאר איז אליין א זכר?

מר. קאלדוועל, איינער פון די, וועלכע זיינען באפרייט געווארען צוזאמען מיט דעבס פאר עובר זיין דעם שפיאנאזש-געזעץ, האט אין א רעדע דיזע טעג ערקלערט, אז ער גלויבט נים אין שטירצען די רעגירונג דורך געוואלט. „דיזע רעגירונג, ווי פילע אנדערע, וועט פאלען פון איהר אייגענער צופוילערקייט", — האט ער געזאגט. גוט וואלט עס געווען, אבער אין דער געשיכטע איז נישא קיין בייזשפיל פון א רעגירונג, וואס זאל נאר אליין צופאלען פון איהר אייגענער צופוילערקייט. אימער-צו האט דער מענש געמוזט אביסעל אונטערהעלפען דעם דאזיגען צופאלען-הערען.

די „טיימז" האט געמאכט אן איבערראשענדע אנטדעקונג. דעבס איז נים קיין ריכטיגער אמעריקאנער. ער האלט זיך אין קושען מיט אלעמען, וואס דאס איז א שוואכקייט, פון וועלכער נאר די אייראפעער ליידען. און ווייל דעבס דריקט אויס זיין פריינדשאפט צו זיינע חברים דורך א קוש, איז עס א קלארער אונבאשטרייטבארער ארגומענט געגען זיין אמעריקאניזם. ווי גרויס האט עס געמוזט זיין דער געלעכטער, וועלכען דעבס האט אויסגעשאסען, ווען ער האט געלייענט דעם דאזיגען אורטייל איבער זיין אמעריקאניזם!

לוים א באריכט אין די ציימונגען, אין וועלכען, איך מוז ערקלערען פאראויס, איך האב נים קיין צופיל גלויבען, זאל טראצקי אליין האבען אריינגעלאזט אין א ביזנעס. דער נאמען פון דער פירמע איז: טראצקי, סאסנאווסקי, מוראנאוו, שטשאנאווסקי ענד קא. די ביזנעס איז: מעטאלען, כעמישע און לעדער-אינדוסטריען. זיין ביישפיל האבען נאכגעפאלגט פילע אנדערע קאמוניסטישע באאמטע. אין דעם באריכט ווערט נים געזאגט,

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב כ״ז ו׳) אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייני־גיט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 3. — New York, Friday, Jan. 20, 1922. — פרייטאג, דעם 20טען יאנואר, 1922 — PRICE ... cents

קלאוקמאכער גענעראל סטרייק געוואונען!

דער סטרייק ענדיגט זיך אזוי שעהן ווי ער האט זיך אנגעהויבען. — די סטרייקער נעהמען אויף דעם סעטעלמענט מיט די גרעסטע יובעל־געשרייען. — גרויסע אוואציעס פאר שלעזינגער און די אנדערע סטרייק־פיהרער. — הארציגע באגריסונגען פון אונטערמייער, הילקווית און סעקרעטער בארא׳ף. — די רעדנער און פיהרער פון סטרייק ווערען אויף די הענט גע־טראגען. — די סטרייקער אין די האלס האלזען און קושען זיך פון פרייד! — סטרייקער פון מאנהעטען לייסעאום באוואר־פען שלעזינגער׳ן מיט בלומען. — מוזיק שפילט אין אלע האלס און דער סטרייק ענדיגט זיך טאנצענדיג.

לעצטער מיטינג פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע זעהר איינדרוקספול

דער גרויסער קלאוקמאכער קאמף איז געענדיגט. און געענדיגט האט ער זיך אזוי שעהן, ווי ער האט זיך אנגעהויבען!

דער אנהויב פון יעדען גרויסען ארבייטער־קאמף איז דאס רוב שעהן, ערהאבען, און רופט ארויס באגייסטערונג. אבער זעלטען פאסירט עס, דאס דער סוף פון אזא קאמף זאל אויך זיין שעהן און ערהאבען. דער סוף פון די גרויסע ארבייטער־קאמפען איז מעהרסטענס א שטארק טומעלדיגער, און א סך, אפילו פון די זיגרייכע סטרייקער קערען זיך אום צו דער ארבייט אומצופרידענע, אפילו מיט אביסעלע שנאה אין הארצען צו די פיהרער פון סטרייק.

אין גאנצען אן אויסנאם אין דער היינטיגער, איז געווען דער סוף פון דעם קלאוק־מאכער סטרייק, וואס האט זיך אפיציעל געענדיגט דינסטאג ביי טאג, דעם 17טען יאנואר, 1922. ווי שעהן עס איז געווען דער אנהויב פון דעם סטרייק, דעם 14טען נאוועמבער, דער גרויסער טאג ווען אלע קלאוקמאכער האבען ווי א יי ן מענש די שעפער פארלאזען, איז נאך א סך שעהנער געווען דער 17טער יאנואר, דער טאג, ווען די גרויסע מאסע סטרייקערס האבען געהערט דאס אפיציעלע ווארט, אז דער גרויסער קאמף האט זיך טרומפירענד געענדיגט.

עס איז ניט מעגליך איבערצוגעבען אויפ׳ן פאפיר די באגייסטערונג, וואס האט געהערשט אין די האלס, וואו די צעהנדליגע טויזענטער בראווע סטרייקער האבען זיך פארזאמעלט, צו הערען אפיציעל פון די פיהרער פון דעם גרויסען סטרייק, ווי אזוי דער סטרייק האט זיך געענדיגט.

אז די פראטעקטיוו האט זיך אונטערגעגעבען און דער סטרייק איז געווען גע־ענדיגט, האבען די סטרייקער שוין געוואוסט פון די צייטונגען. זיי האבען אבער גאר די גרויסע נייעס געוואלט הערען פון דער יוניאן אליין, פון די פיהרער פון דעם סטרייק, און ווען די פיהרער זיינען אין די האלס געקומען מיט גאר דער גרויסער בשורה, וועלכע, אייגענטליך, אלע האבען שוין געוואוסט, האט מען די פיהרער אויף די הענט געטראגען. די סצענעס, וואס זיינען פארגעקומען אין די האלס, איז אוממעגליך צו באשרייבען. דער ענטוזיאזם האט דארט געשטורעמט ווי די צר־שמעלצענע לאווא פון א וואולקאן, פון א פייער שפייענדען בארג. די גרויסע פרייד מיט דעם זיג, וואס האט געבריוועט אין אלע הערצער, האט זיך געגאסען עפענטליך ארויסדריקען און דאס האט זיך ארויסגעדריקט אין די שטורעמדיגע אוואציעס אויף אלע מיטינגען פון די סטרייקערס אין די האלס.

אין אלע האלס האט מוזיק געשפילט, און נאך פאר די מיטינגען האט דער עולם געטאנצט, ווי אויף א חתונה. דינסטאג איז יום טוב געווען, א נייער זמן חירותנו... און אויך א יום טוב פון נצחון! דער עולם איז געווען מלא שמחה, וואס עס איז געלונגען ווידער אמאל אזוי פולשטענדיג צו צוקלאפען די קאנספיראציע פון די באלעבאטים געגען דער יוניאן! אלע האבען זיך געפרעהט, וואס אין דער צייט, וואס די קלאוק באסעס האבען זיך אזוי ברוטאל א נעם געטאן צו צוברעכען די קלאוק־מאכער יוניאנס איבער׳ן לאנד, זיינען גאר די יוניאנס אומעטום פון דעם קאמף ארויסגעקומען שטארקער, נאך מעכטיגער, ווי זיי זיינען עס פריהער געווען.

לאנג זאלען לעבען אונזערע קלאוקמאכער יוניאנס!

לאנג זאל לעבען אונזער אינטערנעישאנאל!

און די נערוועז ביי די פיהרער פון סטרייק זיינען געווארען נאך מעהר אנ־געצויגען.

„וואס קאן עס זיין פאר א פאר־שלאג?" — האט איינער געפרעגט ביים צווייטען. און מיט גרויס אומגעדולד האט מען געווארט אויף דאס אנקומען פון דעם פארשלאג.

און אט איז שוין דער פארשלאג פון די מיניסטארען אין וואשינגטאן אנגעקו־מען. די מיניסטארען הייסען די פראָ־טעקטיוו טאן ווי די יוניאן פאדערט פון זיי. נעמליך, קודם כל צוריק איינשטעל־לען דעם אלטען אגרימענט. די ארבייטס באדינגונגען אין דער אינדוסטריע — זא־גען זיי — מוזען פארבלייבען ווי געוועזן, און זאלען די סטרייקער צוריקגעהן צו דער ארבייט.

„אויסגעצייכענט!" — שרייט אויס שלעזינגער באגייסטערט, און אלע אין אפיס העלפען מיט.

און די יוניאן ענטפערט באלד די מי־ניסטארען אין וואשינגטאן: „מיר נעה־מען אן פולשטענדיג אייער פארשלאג".

און איצטער הויבט מען אן טראכ־טען: „ווי וועט די פראטעקטיוו אויפ־נעהמען דעם סעטעלמענט־פארשלאג פון די מיניסטארען? וואס וועט זיין איהר ענטפער? וועט זי זיך אונטערגעבען אדער נישט?"

און אט לאזען די צייטונגען וויסען, אז ס׳איז שוין צוויי מעת־לעת ווי די עק־זעקוטיווע פון דער פראטעקטיוו אמפערט זיך אין באצוג איהר ענטפער צו די מי־ניסטארען.

געהען אונזערע פיהרער פון סטרייק ווייטער ארום מיט אנגעצויגענע נערוועז.

(שלוס אויף זייט 4).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 3.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. וואס הערט זיך אין דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22? — י. שעהנהאלץ.

זייט 3. ריכטער וואגנער׳ס „אפיניאן" ביים ארויסגעבען דעם פערמאנענט אינ־דזשאנקשאן.

זייט 4. קלאוקמאכער גענעראל־סטרייק גע־וואונען — שלוס פון זייט 1.

זייט 5 און 6. אינטערעסאנטע נייעס פון אלע וויכטיגע פאסירונגען אין די לעצ־טע טעג פון גרויסען קלאוקמאכער קאמף.

זייט 7. אין א קליין שטעדטעל (ערצעהלונג) — מרים קארפילאוו.

זייט 8. פון רעדאקטאר׳ס נאטיץ ביכעל.

זייט 9. רעדאקציאנעלע נאטיצען.

זייט 10. דאס ליד פון די אייביגע זי־כער — נפתלי גראס. קורץ און שארף — י. ב. ג.

זייט 11. דער דורכפאל פון דער וואשינגטאַ־נער קאנפערענץ — א. זעלדין.

זייט 12. די סטרייק־באנק און איהר פאר־וואלטונג — נ. ב. לינדער. ווי צו זיין געזונד — דר. ב. דובאווסקי.

זייט 13. קורצע שמועסען.

זייט 14 און 15. — אדווערטייזמענטס.

זייט 16. וואס טוט זיך אין קליוולאנד? — מ. פערלשטיין. א כפר געגרינדעט אין ברענזוויל — ה. טשענסער.

סעקרעטער באראף באגריסט די קלאוקמאכער

סעקרעטאר אב. באראף איז לעצטע וואך אפגעפארען אין מאנטרעאל, קאנאדע, וואו עס געהעט נאך אן דער קלאוקמאכער סטרייק און ער האט פון דארטען, דורך א טעלעגראמע, באגריסט דעם שעהנעם ענד פון דעם גרויסען קאמף.

זיין טעלעגראמע לעזט זיך ווי פאלגט:

„צו דער גענעראל סטרייק קאמי־טע און אלע קלאוקמאכער.

„פון די טיפעניש פון מיין הארצען שיק איך אייך מיין מזל טוב צו דעם וואונדערבארען זיג, וואס מיר האבען דער־גרייכט נאך א זיין וואכעדיגען קאמף.

„דער וואונדערליכער רעזולטאט איז צו פארדאנקען אייער אויסדויער, אייער סאלידאריטעט און די גרויסע, עהעיגע פיהרערשאפט פון פרעזידענט שלעזינגער, דער טשערמאן פון דער מערקווירדיגער גענעראל סטרייק קאמיטע.

„די קלאוק סטרייקער פון מאנטרעאל בעטען מיר, אין זייער נאמען, אויסצודריי־קען צו זייערע זיגרייכע ברידער און שוועסטער פון ניו יארק די הארציגסטע גראטולאציאנען. זיי פארפליכטען זיך אין דער זעלבער צייט צו טאן זייער בעסט צו דערפיהרען זייער אייגענעם סטרייק צו א זיג".

אב. באראף.

עס זיינען אנגעקומען אין אונזער אפיס נאך א סך אנדערע באגריסונגס־טעלעגראמען, מיר וועלען זיי איבער־געבען נעקסטע וואך.

דער שעהנער סוף פון דעם גרויסען סטרייק

עס איז אוממעגליך אין איין מאל איי־בערצוגעבען אלץ, וואס איז פארגעקומען אין די לעצטע פאר טעג פון דעם גרוי־סען, בראווען קלאוקמאכער־קאמף. די פאסירונגען זיינען געלאפען מיט אזא שנעלינקייט, ווי געטראגען פון א גרויסען שטורם. אויף אונזער איינדרוס־טריעלען הימעל האט געדונערט און גע־בליצט, און יעדער ווילע האט א בלאז געטאן אן אנדער ווינט. די פאנאראמע האט זיך שנעל געביטען און אלע ווייל׳ע האט מען עפעס אנדערש ערווארטעט.

און די נייעסען פון זיג זיינען שנעל געקומען. זיי האבען געזוכט איבערצוער־יאגען איינע די אנדערע. ביי די פיה־רער פון דעם גרויסען סטרייק זיינען די נערוועז געווען אנגעצויגען אויפ׳ן העכ־סטען גראד.

אט קומט א טעלעפאן פון וואשינג־טאן, פון דעם מיניסטארען־קאבינעט, אז פרעזידענט שלעזינגער זאל קומען זיך דורכרעדען מיט א קאמיטע פון די מאנו־פעקטשורערס, וואס זיינען געקומען אהין בעטען, מען זאל זיי העלפען סעט־לען דעם סטרייק. אבער פרעזידענט שלעזינגער ענטפערט שטאלץ, אז ער פאהרט ניט. ער וויל נישט — ענטפערט ער די מיניסטארען — זיך צונויפטרעפען מיט די אגרימענט־ברעכער! זאלען זיי פריהער — זאגט ער — איינשטעלען דעם אלטען אגרימענט אין טרייה, וועט די יוניאן נאכדעם מיט זיי זיך צונויפ־רעדען.

אט די קלוגע און שטאלצע האלטונג פון פרעזידענט שלעזינגער האט געגעבען די פראטעקטיוו דעם צווייטען גרויסען קלאפ, נאכדעם ווי זיי האבען מיט א פאר טעג פריהער באקומען די גרויסע בוכטשע אין זייט פון ריכטער וואגנער׳ס ענטשיי־דונג, און . . . די פראטעקטיוו האט זיך מעהר אויף די פיס ניט געקענט האלטען. אט די צוויי קלעפ האבען איהר אוועק־געלעגט.

אבער איהרע „דאקטוירים" האבען נאך פאר א ווייל׳ע זי אפגעמינטערט און מען האט געמיינט, אז זי שלאגט זיך נאך.

און אט קומט ווידער א טעלעפאן פון וואשינגטאן, אז די מיניסטארען הואווער און דייוויס האבען שוין ארויסגעשיקט צו דער פראטעקטיוו און צו דער יוניאן א סעטעלמענט־פארשלאג, וואס די יוניאן וועט געוויס מיט איהם זיין צופרידען.

קענט נאר אין טאג שנחשלטען? וואלטען דער געמיינער איינפאכער נייע פיהרער; אבער, אויב אזוי, טו וואו וואלט דאן אהינגעקומען „די זעלבסט־שטענדיגקייט פון די מאסען”? איהר זעהט, אז די גאנצע טענה איז בלויז פוסטע פראזען־דרעשעריי, און עס טוט אונז ווירקליך וועה, אז אזא אונזין ווערט ארויסגעזאגט אין דעם נאמען פון אנארכיסטישע ארבייטער, וועלכע האבען באוויזען מיט זייער גאנצען פייער ארייננווארפען זיך אין דעם איצטיגען קאמף, אנשטאט צו שרייבען שוועלכע נארישע בלעטלאך. ווען דאס זענען די „אנדערע”, איז עס, לכל הדעות, פארשטענדליך, ווי וויניג אלע ווערען די פתאים גדולים. ביי די אנארכיסטען איז עס אבער ניט דער פאל; זיי ווייסען דאך ניט קיין פערזענליכע אמביציעס; זיי מיינען עס גאנץ ערנסט, אבער וואס איז די פעולה, אז דער ערנסט איז אזוי אינפאליש און אזוי נאריש?

אויף די פראגע: „ווער פיהרט דעם סטרייק?” איז דא בלויז איין ריכטיגער ענטפער: די, וועלכע זיינען ארויסגעוועהלט געווארען אויף די יוניאן־מיטינגען, אדער אפיציעלע געוועהלטע פון פראויעקטע שלעכטגער, איידער דער סטרייק האט זיך אנגעהויבען. אויב דער אויסוואהל איז געווען ניט קיין ריכטיגער, איז דאן געווען צייט צו פראטעסטירען. דער חסרון, וואס ווערט אויסגעזעצט געגען די לאקאלקאמיטעס, ווייל זי באשטעהט פון איהר מעהריישאל פון באקאלע באאמטע, איז דיקא, פון אונזער שטאנדפונקט, א גרויסע מעלה. ווארום, אונזערע באאמטע באשטעהען וויינען דער ניט מענשען, וועלכע מען האט געוועהלט פון גאס. זיי זיינען אלע ארבייטער, וועלכע האבען אלס יוניאן־לייט, ארויסגעוויזען זיך מעהר געטריי, מעהר איבערגעגעבען, מעהר ערפאהרען, מעהר פעהיג, ווי אלע איבעריגע. דערפאר זיינען זיי אויסערוועהלט געווארען, און פאר זייער ארבייט קריגען זיי עהרליך באצאהלט. טו וואס איז עס פאר א פארוואורף פון דער זייט פון אנארכיסטען: „א באצאהלטער באאמטער”? האט דען ווען אן אנארכיסט, ווען ער האט איבערגענומען איינער אן אמט, אנגעהויבען זיך פון ווערען באצאהלט? און קען ער עס געדיך פון ווערען וואלט ער געלעבט? אמאל האבען אנארכיסטען געהאלטען פון דער מעטהאדע פון מאכען אן „עקספראפריאציע”, און דאן וואלט דער „עקסעל” געענטפערט אויף אט דיזע פראגע. אבער די אנארכיסטען פון דער אונזיגער צייט גלויבען ניט מעהר אין דעם; און דער אנארכיסט, א כשר ורח, ווי אן אנדערער, מוז דער לעבען, טו ווי קען ער, אלס באאמטער פון דער יוניאן, וועלכער ער ווידמעט זיין גאנצע צייט, אויסקומען אנדערש, ווי ניט קריגענדיג באצאהלט? שלוס, אט דיזע מענשען, די פעהיגסטע, די ערפאהרענסטע, די געטרייסטע, האט מען איבערגעגעבען די גרויסע פאראנטווארטליכקייט צו פיהרען דעם סטרייק. האט מען דען געקאנט טאן בעסער? האט מען געוואלט איבערטראגען די דאזיגע גרויסע פאראנטווארטליכע ראליע צו שוטים?

ווייטער ווערט אויסגעזעצט אין דעם בלעטעל, אז די דזשענעראל־סטרייק־קאמיטע האט גארנים וואס צו זאגען אין דעם סטרייק. דאס איז אבער ניט אמת. מיר זיינען געווען אויף איינציגע מיטינגען פון דער דזשענעראל־סטרייק־קאמיטע, און מיר קענען פארזיכערען, אז די גרויסע מאיאריטעט, וואס איז ניט אויסען צו מאכען טומעל און געפילדער וועגען נארישקייטען, ווייס אויסגעצייכענט יעדען טריט און טריט וואס ווערט אונטערנומען אין דעם סטרייק, און די פיהרונג פון סטרייק האט איהר פולשטענדיגע הסכמה.

און וואס אנבאטרעפט די קריטיק געגען די פיהרונג אין די האלס, וואו עס ווערען ניט דערלויבט קיין „פרייע” מיטינגען, אדער וואו געוויסע ציימונגען ווערען ניט אהיינגעלאזען, מוזען מיר זאגען, אז באטש פון דעם שטאנדפונקט פון אבסאלוטער פרייהייט, האט עס ניט בארעכט אזוי זיין, פונדעסטוועגען, אונטער די אומשטענדען, מוזען מיר פולשטענדיג מסכים זיין צו די האנדלונגען פון די האל־טשערמען. וואלטען מיר געהאט צו טאן מיט געקליבענע מענשען, וועלכע קענען איינע די אנדערע, זיי לזים זייער ווימען, און זיי לזים זייער כאראקטער, לזים זייער עהרליכקייט, וואלט עס, נאטירליך, געהערט געשערט. ווען די געקליבענע מענשען האבען מיטינגען צווישען זיך, ריידען זיך דורך, אדער ווען זיי לייענען עפעס א בלעטעל, וואס קריטיקירט זיי. איז אבער די זאך אין דער אמת'ען גאנץ אנדערש. שעהן, ווי אונזער סטרייק איז, און העלדיש, ווי עס האלטען זיך די קלאוקמאכער, אז מיר זיינען באמת שטאלץ אויף זיי, אבער דאך קען ניט פארלייקענט ווערען, אז צווישען די צעהנדליגע טויזענדע זיינען אויך דא סקעבס, ניט פילע, אבער דאך זיינען זיי דא; עהרליך, ווי עס איז דער קלאוקמאכער אין אלגעמיין, אבער עס קען דאך זיין, אז צווישען די צעהנדליגע טויזענדע זאלען זיך ארומדרעהען מיאוס'ע נפשות, שפיאנען און פראוואקאטארען, וועלכע ארבייטען די גאנצע צייט אין די אינטערעסען פון די באסעס. רעכט איהר ניט, אז פאר דעם סקעב און שפיאן וואלטען אזעלכע „פרייע” מיטינגען געווען ווי געוואונשען? דער טראבל מיט פילע אונזערע קריטיקער איז, וואס זיי זיינען ניט אין שטאנד דורכצודענקען א געדאנק ביז צו זיין לעצטער קאנזעקווענץ. זיי ריידען, דאכט זיך, פון קאמף, זיי ווייסען, אלזא, אז א סטרייק איז א מלחמה, פאר די פיהרונג פון וועלכער עס פארשטעהט זיך די גרעסטע פארזיכטיגקייט, אויב עס זאל זיין א שאנס צו זיגען; אבער תיכף כדי דיבור פארגעסען זיי דעם, און זיי וואלטען געוואלט, אז אין דער מלחמה זאל הערשען די פרייהייט, וואס מענשען געניסען ווען זיי פראווען א פיקניק.

עס פארדריסט אונז באמת, וואס מיט נארישער ליכטזיניגקייט איז ארויסגעגעבען פון א פארבאנד, וועלכער רופט זיך מיט דעם נאמען אנארכיסטישער. מיר קענען אבער אויך פארזיכערען, ברודער חבריא, אז פון דעם בלעטעל פיהלט זיך ניט דער מינדעסטער ריח פון אנארכיזם. נו, ווי רופען זיך דער אנארכיסטען, נו, איז ווער קען זיי פארווערפען? דערפאר לעבען מיר דאך אין א פרייער מדינה.

ליליען וואלאך. — איהר וואלט דער זיך פארשפארט פיל ארבייט, ווען איהר וואלט געלייענט די „גערעכטיגקייט” אביסעלע מעהר אויפמערקזאם. ווארום־זשע טוט איהר עס ניט? לייענט איבער אלע די ארטיקלען, וואס ערשיינען איבער א סיריע, אין איינער פון די פאריגע נומערן, און דאן פרעגט אייערע קשיות. אויב איהר וועט האבען וועלכע, ביז דאן איז ניט וועגען וואס צו דעבאטירען.

מ. צינקין. — וועט פארעפענטליכט ווערען.

ל. ר—ינס. — מיט אלעם, וואס איהר רעכנט איז דער אמת. מיר האבען ניט מורא פאר'ן אמת. און וואס ער אונז דער שאדען טאן, איז עס דער ניט מעהר, ווי רעכט; מסתמא האבען מיר דער כשר פארדינט די שטראף; שלוס, קיינע ריקויבסטע, און קיינעם ניט געשטראפט. האב איך עס דער קיינמאל ניט פראקטיצירט בנוגע צו אייך; זאר דאס גוטע און שעהנע אין אייער בריוו. אונזער הערצליכען דאנק.

א. ב. — איהר זייט דער איינציגער, פון וועמען מיר האבען ערהאלטען א ניי־יאהר גרוס. איהר וועט זיך שוין משער זיין, ווי שטארק דאס איז אנגעלעגט ביי אונז.

דר. ב. דובאווסקי. — דעם בריף אייערען ערהאלטען, אבער די ביכער נאך ניט. מסתמא וועלען זיי קומען. געוויס וועט דער אינהאלט פון די ביכער ניט זיין א חשר ערגער, ווי אייערע ארטיקלען אין דער „גערעכטיגקייט”. און דאן איז קיין פראגע ניט, אז זיי וועלען זיין פון גרויסען נוצען פאר דעם אידישען לעזער. אגב אורחא, ווארום שיקט איהר גארניט צו אין דער לעצטער צייט? שטארק געענגעט אין פלאץ ווי מיר זיינען, וועלען מיר אבער אימער געפינען א ווינקעל פאר אן ארטיקעל פון אייך.

ב. לעווינזאן. — מיר זעהען ניט איין אין דעם קיין שאנדע און קיין געפאהר, אז איהר דעפאזיט אייער געלד אין א באנק, גיט איהר אייער אונטערשריפט. צוליב וואס? כדי אן אנדערער זאל עס ניט קענען ארויסנעהמען. טו איז ניט דעסטוועגען ווען איהר גיט אייערע „פינגער־פרינטס”? אן אונטערשריפט קען אמאל נאכגעמאכט ווערען, „פינגער־פרינטס” אבער קיינמאל ניט. דערפאר איז עס פיל זיכערער. געוויס, ביז איצט האט מען זיך נוהג געווען אזוי בלויז מיט געפעהרליכע פארברעכער. אבער טו איז וואס? ווי באלד די „פינגער־פרינטס” זיינען דער איינציגער און זיכערסטער מיטעל געגען דעם, אז קיינער זאל ניט קענען פארשטעלען זיך פאר אייך, און אייך בארויבען, זעהען מיר ניט איין, וואס זאל זיין דער אפהאלט פאר אייך צו ווערען א דעפאזיטאר אין פאסט־אפיס, איבערהויפט, אז דער פאסט־אפיס פארזיכערט דאס די רעגירונג וועט זיך קיינמאל ניט באנוצען מיט די „פינגער־פרינטס” פאר אירגענד אן אנדער זאך. נאטירליך, ווען איהר וואלט געהאט אין זינען צו באגעהן ארגענד א פארברעכען, וואלט, אפשר, די פארזיכערונג פון דער רעגירונג ניט געווען גענוג. אבער, אזוי ווי דאס איז ניט דער פאל, איז ניטא קיין גרונד, ווארום דאס זאל אייך אפהאלטען פון דעפאזיטען אייערע אנגעשפארטע געלד גראשען אין פאסט אפיס, וועלכע איז געוויס די זיכערסטע פון אלע סייווינגס בענקס.

מ. ליפשיץ. — איהר זייט אונגערעכט. ווען די מענשען, די היגע קאמוניסטען, זיינען געווען משוגע און נאריש, דאן איז געווען די ריכטיגע צייט זיי צו קריטיקירען. אבער איצט, אז זיי קומען צום שכל; אז זיי זעהען אליין איין ווי נאריש זיי זיינען געווען מיט א קורצער צייט צוריק, און זיי זאגען עס גאנץ אפען ארויס, קומט זיי באמת א גרויסער שבח. און מיר האבען ניט די מינדעסטע לוסט צו דערמאנען זיי אן זייער ערשט ניט־לאנגענדיגע פארגאנגענהייט. אן די פייער־קרעקערס, מיט וועלכע זיי האבען געשאסען. שלעכט וואלט געווען, ווען די קאנווענשאן וואלט געווען אזא נארישע, ווי מיר האבען ערווארט. אבער איצט, אז זיי האבען אלע ארויסגעוויזען קלארע סמנים פון קומען־צו־זיך, פון קלארען דענקען, קענען מיר זיי נאר גראטולירען דערמיט, וואס ענדליך האבען זיי דערזעהן די ליכט. נאטירליך, אין גאנצען קלאר זייען זיי נאך ניט, זיי ריידען נאך אלץ עפעס פון „שקציע”, כאטש וואס די שקציע זאל זיין, זאגען זיי ניט. זיי ריידען נאך אלץ פון ביוראקראטיע אין די יוניאנס, כאטש ביי זיך אליין פיהרען זיי איין די ערגסטע ביוראקראטיע, מעהר ניט זיי רופען עס מיט דעם נאמען דעמאקראטישער צענטראליזם. זיי ריידען נאך אלץ, אזוי ווי זיי וואלטען זיך געהאלטען פאר די איינציגע משיח'ים, וועלכע קענען באפרייען די ארבייטער, וועלכע קענען זיי אנווייזען דעם ריכטיגען וועג. דאס איז נאך אן איבערבלייבעניש פון דער אמאליגער משוגעת, אבער מיר מעגען ניט פארלאנגען צופיל פאר איין מאל. ביסלאכווייז, ביסלעכווייז, מוזען זיי קומען צום שכל. די [illegible] פון די קאמוניסטען האט באוויזען צו די וועלכע מענשען, וועלכע זיינען געווען [illegible] מענשען, ווען זיי זיינען געווען בלויז קריטיקער, האבען אנגעהויבען פיהלען א גרויסע פאראנטווארטליכקייט אזוי שנעל, ווי זיי האבען אנגעהויבען בויען עפעס. מיר קענען זיך דא ניט ארייננלאזען אין דער פראגע, צי די „ווערקערס פארטי” וועט האבען אירגענד א ממשות. צוליב פילע אורזאכען גלויבען מיר, אז די גאנצע מעשה איז ניט מעהר, ווי א זייפענבלאז; אבער ווי דערווייל מיינען זיי, אז עס איז עפעס, און זעהט ווי פארזיכטיג זיי זיינען געווארען מיט א ווארט — דיזעלבע, וועלכע האבען ניט לאנג געשאסען מיט פעך און שוועבל על ה' ועל משיחו און אויף [illegible] ... פיל [illegible] צו [illegible] ווערטער [illegible]. אבער דער [illegible] איז [illegible] פאר [illegible] ווארען. אפשר [illegible] וועלען מיר זיך [illegible] צו [illegible]. און וואס [illegible] מיר [illegible]: די [illegible] האבען ווי [illegible] די גאנצע [illegible], ועשו מיר דער [illegible], אז זיי וועלען געווען משוגע.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 אייסט 23סטע סט., ניו יארק

פארדע גליסע

(שירים פון [illegible])

[illegible]

קיינע איינשליסליך
עלאסטיגא סחעע
צוזעססעי סשאר
ווחיים לילי סחעע

Happiness For Every Home

קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון

סאול בוירנס

[illegible]

א ספעשעל אפער יעצט!

וויקטראלא סאנארא — [illegible] $100
[illegible] $10
גראפאנאלא עאליאן — [illegible] $110

אהנע דעפאזיט

בלויז $5 מאנאטליך

$100—VICTROLA

SONORA—$100

אנדערע סטיילס $25, $35, $75, $125, $150, $225, $250, $275, $350

פיאנאס אויף לייכטע אפצאהלונגען

אפרייט פיאנאס $2 וועכענטליך

פלייער פיאנאס $3 וועכענטליך

מיר טרויען אייך, קיינע גאראנטיס אדער רעפערענסעס ניט נויטיג

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

BROOKLYN	BRONX	HARLEM	DOWNTOWN
1780 פיטקין עוו. ניער סטאנע עוו.	616 וועסטשעסטער ניער פראספעקט עוו., [illegible]	1866 לטע עוו. ניער 118טע סט. (בלויז וויקטראלס)	111 סעקאנד עוו. ניער 7טע סט.

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד ביז 10 אוהר, שבת ביז 8